# סביבה

## פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◆


מאָרים ראָזענפעלד, דער פּאָעט פון אידישן פּאַטאָס..........ק. מ.
אידישער פּנקס (ליד)..........מאָרים ראָזענפעלד
טייבעלע און הורמיזא (דערציילונג)..........יצחק באַשעווים
דער היינט איז טונקל (ליד)..........מלך ראַוויטש
שלאָפנגיין (ליד)..........אהרן צייטלין
מיטן מנין אידישע פּאָעטן..........יעקב גלאַטשטיין
די צוויי פעטער מענדלס (ליד)..........אפרים אויערבאַך
דער יאָך און די מאָנונג פון א ליד..........גבריאל פּרייל
דער אינדיאַנער זומער (ליד)..........רחל ה. קאָרן
פערזן פון דער אַטאָמישער עפּאָכע..........א. לעיעלעס
וועגן קלאָרקייט און פאַרנעפּלטקייט אין דיכטונג..........ש. שלום
זעאונגען (לידער)..........יוסף רובינשטיין
אויף אַלטע מאָטיוון (לידער)..........ישראל עמיאָט
אידישע געשטאַלטן ביי מענדעלען..........שמחה לעוו
וואָס קען איך זאָגן צום ים? (ליד)..........חיים לייב פוקס
שפּעט אין דער נאַכט (דערציילונג)..........י. מעצקער
די לעצטע זון (ליד)..........מ. אָליצקי
תמימות און די פאַרפירעניש פון יצר־הרע..........ק. מאָלאָדאָווסקי
די אידייען־וועלט פון שמעון ראַווידאָוויטש..........משה שטאַרקמאַן
דער פּיבער פונעם ליד (אָפּהאַנדלונג)..........אפרים אויערבאַך
לידער..........קאַדיע מאָלאָדאָווסקי
אהבת ישראל..........יעקב פּיכמאַן
א סביבה אַרום דער „סביבה"


◆


נומער 5

שבט, תשכ"ב — פעברואַר, 1962

נ י ו ־ י אָ ר ק, נ. י.


## צום שלוס פון ערשטן יאָר „סביבה"

מיט דעם נומער שליסט די „סביבה" דאָס ערשטע יאָר.

פּראָבלעמען פון דער אידישער ליטעראַטור — שפּראַכלעכע, טעמאַטישע, און קינסטלערישע — זיינען נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. די „סביבה" וויל זיי ברענגען צום אויסדריק.

אַ ליד, אַ דערציילונג, אַן עסיי, זייער קוואַליטעט און פּאַרנעם, און זייער שפּראַכלעכע עשירות זיינען אַן עיקר.

עס האָבן זיך אָפּגערופן יחידים און געשאַפן אַ סביבה אַרום דער „סביבה".

די „סביבה" פאַרענדיקט דאָס יאָר מיט אַ קליינעם דעפיציט פון אַ צוויי הונדערט דאָלער. מיר האָפן, אַז אין קומענדיקן יאָר וועט אָפּגעווישט ווערן דער חוב, און עס וועט זיך אונטערמויערן די „סביבה" אויף להבא.

אַ קליינע בקשה: די „סביבה" האָט ניט קיין טעכנישן „אַפּאַראַט" אויף אַרויסשיקן דערמאָנונגען צו די אַבאָנענטן. מיר בעטן דעריבער די לייענער פון דער „סביבה" אַליין געדענקען צו באַנייען זייער אַבאָנאַמענט, און אויך זיין אַליין די שליחים פון אויסברייטערן דעם קרייז פון אירע לייענער.

---


„סביבה" — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק
רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

**Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy**

*Editor*: K. Molodowsky, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U·S·A

# מאָריס ראָזענפעלד, דער פּאָעט פון אידישן פּאַטאָס

(צום הונדערטסטן געבורט־יאָר פון מאָריס ראָזענפעלד)

מאָריס ראָזענפעלד האָט די אידישע דיכטונג פון אַמעריקע באַהאָפטן מיטן דרך המלך פון דורותדיקן אידישן שאַפן. אין דער פּיאָנערישער תקופה פון די אַכציקער און ניינציקער יאָרן האָט דאָס אידישע ליד אין אַמעריקע געזונגען וועגן נויט — די נויט פון דעם פאַרהאָרעוועטן מענטשן, דעם אַרבעטער און דעם „סוועט־שאַפּ". די פּאָעזיע האָט געהאַט אַ באַגרענעצטע אכסניה וואו זי איז פאַרפאָרן כמעט מיט אַלע אירע מאָטיוון. דערפאַר האָבן זיך אַלע גערונצלט איינס לעבן אַנדערן, מיט וויניק אינדיווידועלן חותם, לכל הפחות אין דער טעמאַטיק. די אָרעמקייט, דער טאָג־טעגלעכער גראַנגל האָבן פאַרצערט די גאָלד פון געזאַנג. מאָריס ראָזענפעלד, וואָס איז באַרימט געוואָרן מיט זיינע אַרבעטער־ און שאַפּ־לידער, האָט, אַזוי צו זאָגן, פּראָקלאַמירט „די שטימע וואָס טראָגט זיך דורך די שטערן". ער איז מיטן שטערן־וועג אַריבער די תחומים פון דעם אַרבעטער־ און נויט־מאָטיוו און איז אַריין, ריכטיקער געזאָגט אַריינגעשוועבט, אין דער ספערע פון דיכטונג וואָס האָט ניט קיין גרענעץ אפילו אין דעם סאַמע קליינעם פאַרמעסט פון אַ נויט־ליד:

צו די הויכע שטערן טראָג איך
מיין צעווייטיקטע נשמה:
שטערן, הויכע שטערן, זאָג איך,
פּונקט ווי איר האָט די נחמה
ווייט פון אירדישן געטימל,
ווי איר חלומט ליב און גערן
פון דעם הימלס זיסע רו;
האָב איך אויך מיין טרייסט אין הימל,
כאָטש עס רינען מיינע טרערן
אויף דער ערד נאָך אימער־צו.

דאָס ליד איז, קען מען זאָגן, אַ פּאָעטישער אָנזאָג. ס'איז נישט קיין ליריש ליד אין אייגנטלעכן זין, נאָר ווי ביי ראָזענפעלדן טרעפט אָפט, אַז אַפילו אין זיינע טרוקענע דערקלערונגען אין פּערזן זינגט זיך אַריין אַ לירישע מיטבאַגלייטונג — איז אין דעם ליד אָנגעזאָגט, אַז „כאָטש עס רינען מיינע טרערן אויף דער ערד נאָך אימער־צו" — טראָגט ער זיין ערדישע נויט אַריבער צו דער לייטערונג פון די שטערן.

אין דעם זעלבן ליד, וואו ער באַהאַנדלט די ערדישע נויט, טויכט אויף אַ געפיל וואָס דרימלט אין אים שטענדיק:

ביי דעם שטילן האָדסאָן קלאָג איך
מיינע אייביקע יסורים:
האָדסאָן, שטילער האָדסאָן, זאָג איך,
ווי דיין וואַסער אָן דיבורים
רעדט צו מיר דורך יעדע וועלע,
וועלכע קומט און ווערט פאַרשוואונדן
טוט אַ רויש און ראָלט אַוועק;
פּונקט אַזוי־אָ רעדט מיין זעלע
רק צו מיר מיט נייע וואונדן,
נייע ווייען, נייע שרעק.



אין די שורות איז דאָ דער אָפּהילך פון „על נהרות בבל", — דער נאַציאָנאַלער מאָטיוו, וואָס ביי ראָזענפעלדן גיסט זיך עס צוזאַמען מיט זיין טאָג־טעגלעכער נויט.

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען פון די ראשונים, וואָס האָט געאַקערט דעם באָדן פון דער אידישער פּאָעזיע אין יענער צייט, אָפּטמאָל מיט זייער האַמעטנע מכשירים. ווי יעדער ראשון אויף זיין געביט האָט ער געהאַט אימפּעט, און צוליב דעם אימפּעט האָט ער ניט זעלטן צעשטערט די האַרמאָניע פון זיין אייגענעם דיכטערישן באַשאַף. ער האָט אין אַ ליד „אַריינגעשמיסן" ווערטער און באַגריפן וואָס זיינען טאַבו אין פּאָעזיע. ער האָט זיך ניט אָפּגעהאַלטן צו ריידן המוניש אין גראַמען, פּונקט ווי דער דרעשער וואָס שלאָגט אַרויס גאָלדענע קערנער פון אַ זאַנג לאָזט פליען די פּלעווע. אָבער די גאָלדענע קערנער ראָזענפעלדס זיינען געווען פולע, זעטיקע. דורך זיינע האַמעטנע שורות שווימט אַרויס ביי אים אומגעריכט אַ טיפער פּאָעטישער סך־הכל.

אויף לעבנס פאַרלוסטן זיך קלעמען
און וויינען באַצאָלט זיך אונז שווער,
דען וואָס קען דער שיקזאַל אונז נעמען
אַזוינס וואָס זאָל ווערט זיין אַ טרער?

נאָר ביי ראָזענפעלדן קען געמאָלט זיין, אַז נאָך די ערשטע צוויי האַמעטנע שורות זאָל אינמיטן דרינען אַרויסבליען אַזאַ פּאָעטיש געזאַנג: „דען וואָס קען דער שיקזאַל [ביי] אונז נעמען / אַזוינס וואָס זאָל ווערט זיין אַ טרער?" מיט איין שורה זינגט ער אַרויס דעם הבל הבלים וואָס איז אַפילו אַ טרער ניט ווערט.

מאָריס ראָזענפעלדס דיכטונג איז דורכאויס באַלעבט מיט אַן אינערלעכן נאַציאָנאַלן פּאַטאָס, וואָס האָט געבויט זיין ליד און זיין אידעען וועלט, וואָס ראַנגלט זיך מיט דער וואָכעדיקייט און שפּאַנט איבער די וואָכעדיקייט. אַ נישט־געצאַמטער כוח באַוועגט אים, שרייט אַרויס פון אים און דערהויבט אים אַמאָל צו אַ געלייטערטער אידישער דערקענטעניש, צו אַ רעליגיעזער לירישקייט און ווייטיקדיקן אויסדרוק פון אידישער מאַרטירערשאַפט. דער אַתה בחרתנו איז ביי ראָזענפעלדן אַרויפגעטריבן צום העכסטן גראַד היץ, וואָס אָפּטמאָל זעט עס אויס נאַאיוו איבערטריבן. אָבער ווען מען באַנעמט דעם גאַנצן פּאָעטישן שאַפן פון מאָריס ראָזענפעלד, באַגרייפט מען די מאַיעסטעטישקייט פון דעם געפיל ביי אים, און מען דערפילט דעם געוויכט פון אַ טיפן אינערלעכן גלויבן אין אַזאַ שורה ווי „איך בלייב אַליין מיט גאָט, מיך קען קיין מאַכט צעשטערן". מיט איבערוועלטיקטער אמונה פון אַתה בחרתנו דערקלערט ער: „אַלטע זונען, גרויסע זונען" ווערן אויסגעלאָשן, „אייביק אָבער בלייבט דאָס איינע / אייביק ווי דער פירמאַמענט — / אָט דאָס שוואַכע, בלייכע, קליינע, / דינע ליכטעלע וואָס ברענט".

מאָריס ראָזענפעלדס ליריזם איז אַ מעדיטאַטיווער. ער לאָזט ניט דעם פלאַם דערברענען ביז דער לעצטער טונקלקייט. ער בלאָזט אים אויף צוריק פאַר נאָכטראַכטונג. אין זיינע לירישע לידער זיינען דעריבער דאָ פּראָזאַאישע הפסקות. מאָריס ראָזענפעלד האָט בכלל ניט געזאָרגט וועגן דער גאַנצקייט פון אַ ליד. די אויסערלעכע פאָרמען האָבן אים ניט געהאַלטן ביי די פּאָלעס. ער איז איבערגעגאַנגען פון איין שטימונג צו אַ צווייטער ווי אַ בליץ וואָס איז זיגזאַגיש, און עס מאַכט אים ניט אויס — אויב ער ברעכט זיין שטראַל

צו צפון אָדער צו דרום. ראָזענפעלדס אימפולסיווקייט האָט באַוועגט זיין ליריזם פון געזאַנג צו באַטראַכטונג, אָדער צאָרן, אָדער געוויין. אָט אַזוי, צום ביישפיל, אין זיין ליד „אלול מעלאָדיעס״:

עס רוישט דער וואַלד, עס ווייעט דער ווינט,
די האַק קוקט אָן דעם שומר...
דאָס קומט אַ יום־הדין אַצינד
אויף ביימלעך און אויף ביימער.

נאָך אַ דינער לירישער אָפּפילונג פון דער נאַטור און דעם רחמנות געפיל צו די ביימלעך און ביימער, וואָס די האַק וואַרט אויף זיי, ס׳איז זייער יום־הדין און די ווייטע פּאָעטישע אַסאָציאַציעס וואָס דאָס בילד רופט אַרויס וועגן דעם גורל פון מענטשן, און זייער יום־הדין — קומט ראָזענפעלד מיט אַ פּראָזאַאישער אויסטייטשונג אין גראַמען וואָס שאַרט אַוועק פון דעם ערשטן פערז דעם דיכטערישן הויך.

אָ, מענטשן! ביימער אין דעם וואַלד!
איר הערט די שטורעמס קנאַקן?
צי יונג, צי אַלט, צי שפּעט, צי באַלד,
מען וועט אייך אַלע האַקן!...

אָט די פּראָזאַאישע שורות מיטן וואָרט „קנאַקן״ — אַ המוניש וואָרט — און מיטן סטראַשונאָק צו די מענטשן אַז מען וועט זיי אַלע „האַקן״ גייען זיכער ניט אין פּאַר מיט דעם פריערדיקן אויסגעזונגענעם פערז. אָבער ראָזענפעלדן איז די גאַנצקייט פונעם ליד אַנגעגאַנגען ווייניקער ווי זיין אימפּולס אַרויסצוזאָגן אי דאָס וואָס ער פילט, אי דאָס וואָס ער טראַכט, אי זיין וואָרענונג. אַזעלכע אָפּנויגן זיינען אָפט פאַראַן אין זיינע לירישע לידער.

ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט קלינגען, מוז מען אָבער זאָגן, אַז די אָפּנויגן זיינען, אפשר, אַ שטערונג אין זיין ליריש ליד, אָבער נישט אין דער פּאָעטישער פּערזענלעכקייט פון מאָריס ראָזענפעלד, ווי אַ דיכטער. דיכטונג איז בדרך כלל אַזוי געזעצלאָז, אַז קיין שום מאָס קען ניט אָנגעווענדט ווערן אויף די אייגנאַרטיקייטן פון אינדיווידועלן אויסדרוק. און דאָס איז געווען דער ראָזענפעלדישער גאַנג אין זיין ליריק.

מאָריס ראָזענפעלד האָט געהערט צו די דאָרשטיקע דיכטער, ער האָט פאַרזוכט אַלע געטראַנקען פון פּאָעטישן אויסדרוק. און ער האָט פאַרמאָגט די כלים אויף שעפּן זיי. דאָס פייערלעכע געזאַנג, די אָדע, די באַוואונדערונג פאַר דער נאַטור, די ליבשאַפט און באַגייסטערונג פאַר אידן, פאַר זיין „אומה״, ווי ער רופט אָפט דאָס אידישע פאָלק, איז אפשר געווען זיין אייגנטלעך קעניגרייך. אָבער זיין דאָרשט, זיין פּאָעטישער דראַנג און נייגער, זיין קעמפערישקייט האָבן אים געלאָקט צו עפענען נאָך טויערן און ער האָט זיך גרינג באַוועגט אין סאַטירע, אין עפּיגראַם, און אַפילו אין פּאָעטישער לצנות, ווי צום ביישפּיל אין זיין ליד „מגילת העסטער״. גרינג, מיט היימישע שמיצלעך לאַכט ער אויס די „העסטער סטריט״. „אָ, העסטער סטריט, האָסט טויזנט פּעק / מיט וואונדער ביסט געראָטן / אַוואו מען גיט זיך נאָר אַ שטעק / פייפט אידישקייט אויף נאָטן״. נאָר אַפילו אין דעם ליד מיטן היימיש־וואוילערישן לשון יאָגט אָן ראָזענפעלדס לירישע בענקשאַפט און חצי־שפּאַס און מיט אַ באַהאַלטענער טרער זינגט ער אַרויס: „דאָ קומט די טומאה



ניט אַריין / דער שטן האָט קיין שליטה, / און אַלץ איז וואויל און אַלץ איז פיין / אָט פונקט ווי אין דער ליטע״.

ראָזענפעלד איז בייז און ביטער אין זיינע סאַטירישע לידער און עפּיגראַמען. זיין ביטערקייט דערהויבט ער ניט צו דער מדרגה פון פּאָעטישע געזאַנגען. ער איז אין די לידער פּרימיטיוו און נישט געהובלט. ער שלאָגט זיך מיט די רבנים, מיט די מטיפים, מיט די צייטונגען, מיט די רעדאַקטאָרן, בקיצור אין די לידער איז ער ניט אויף זיין „שטערן־וועג״. ער איז אויף דעם וועג וואו עס פירן אים זיינע הונגעריקע טעג, די אָרעמע אַכסניה פון דער דיכטונג פון יענער צייט.

איך בין דאָ ווי די שוואַלב גאַנץ פרי געקומען
אַ בשורה פון אַ נייעם מאַי צו ברענגען:
איך האָב געוועקט די אומגעבאָר׳נע בלומען,
אַ טויטע וועלט אַוועקגעשענקט מיין זינגען.

ראָזענפעלד האָט כסדר געפילט אַז די סביבה אין וועלכער ער געפינט זיך איז ניט רייף פאַר דעם פאַרמעסט פון זיין געזאַנג. ער שאַרט יעדן טאָג אַוועק די געפּעסן פון זיין טיש פון וועלכע ער עסט. ער פאָדערט פאַר זיך אַ קעניגלעכע אויסשטאַטונג, וואָס זיין סביבה האָט ניט פאַרמאָגט אויף אים צו געבן, און ווי עס איז נאַטירלעך אין אַזעלכע פאַלן איז ער איבערטריבן ביטער און איבערטריבן מאָנעריש. עס איז טראַגיש זיין געלאַף צו די איבערזעצונגען פון זיינע לידער אויף אַנדערע שפּראַכן. און נאָך טראַגישער איז זיין באַרימעריי מיט די דערפאָלגן ביי די געקרוינטע ליטעראַרישע גדולים פון דער וועלט. און דער גאַנצער קאַפּויר פון דער טראַגיק קומט אויף באַשיינפּערלעך ווען מיין לייענט זיין ליד „אידיש״ מיט דער גאַנצער ליבשאַפט און באַגייסטערונג וואָס ער האָט פאַרן לשון אין וועלכן ער שרייבט:

„מיין שפּראַך איז ברייט ווי אַלע ימען
און שיין ווי מאַי אין פולן בליען,
איך זינג, און מיינע לידער גליען
אין טויזנט־פאַרבעדיקע פלאַמען״.

זיין געפיל וואָס ער שענקט אַוועק זיין זינגען צו אַ „טויטער וועלט״ האָט אים געבראַכט צו פאַרשיידענע ווידערשפּרוכן מיט זיך אַליין און מיט זיינע ליבשאַפטן וואָס זיינען געווען הייס און שטורעמיש.

וואָס ווייטער די צייט טראָגט אונז אַוועק פון ראָזענפעלדן אַלץ בולטער קומט אויף פאַר אונז זיין פּאָעטישער פּלי און זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט מיט אַ סך צעבראָכנקייט און אין נויט געשטורעמט אַ וועג פאַר זיך און פאַר דער אידישער דיכטונג.

ק. מ.

מאָריס ראָזענפעלד

# אידישער פנקס

(לעזנדיק די אידישע געשיכטע)

אָ, אידישער פנקס, אָ, אידישעס הערץ!
אָ, אייביקער וועלט־בוך פון שווערע געמיטער!
איך בלעטער דיך אויף מיט אַ איניגסטן ציטער.
איך לייען און לייען דעם ברענענדן שמערץ
אין דיינע פאַרבלוטיקטע, שרעקלעכע שורות.
רבונו של עולם, פיל מוט און פיל גבורה,
פיל בלוט און פיל טרערן
אָט וואו איך זאָל קערן
און וואו איך זאָל מישן די הייליקע בלעטער!
דאָס זיינען קיין מענטשן ניט, דאָס זיינען געטער,
וואָס האָבן געקענט אַזוי ליידן און שטרייטן
און בלייבן אויף אייביק און אייביקע צייטן.

אָ, אידישער פנקס, אָ, אידישער רייך!
אָ, גרויסער בית עולם פון אידישע צרות!
אָ, וואו האָט די וועלט נאָך אַזאַ בית הקברות
פון לויטער מאַרטירער? אָ, וואו איז דיר גלייך
אַ בוך אין דער וועלט גאָר? איך לייען און לייען
די שטילע מצבות פון טויזנטע ווייען
און פרעג זיך פאַרוואונדערט:
אָ, וועלכער יאָרהונדערט
וועט ענדלעך שוין ברענגען אַ שטיקעלע תקומה
מיין עלנטע, שוואַכע און ליידנדע אומה?
אָ, ווער וועט אין אידישן פנקס פאַרשרייבן:
„געענדיקט דער גלות, אַ סוף פונעם טרייבן?"

אָ, אידישער פנקס, איך עפן דיך אויף
מיט ציטערנדע הענט און שרייב צו נאָך אַ ציילע.
איך בין ווי אַ שאָטן פאַרגענגלעך, אַ ווײַלע
נאָר וועט דאָ פאַרזוימען מיין עלנטער גוף.
דאָך כל זמן עס ברענט נאָך דאָס הייליקע פייער
גיב איך פון מיין פלאַמענדע זעלע צושטייער
דיר עטלעכע פונקען,
און יאוש באַטרונקען
אַלס איד און אַלס אידישער דיכטער אין גלות
געזויגן מיט בלוט און פאַרוויגט מיט יללות
באַהאַלט איך אין דיר פאַר דער נאַכוועלט, אויף שפּעטער,
מיין שמערץ און מיין ליבע אין אידישע בלעטער.



יצחק באַשעוויס

# טייבעלע און הורמיזא

## 1

אין דער שטאָט לאַשניק, נישט ווייט פון לובלין, האָט געוואוינט אַ פּאָר־פּאָלק. ער האָט געהייסן חיים נתן, זי — טייבעלע. די פּאָר האָבן נישט געהאַט קיין קינדער. צוואָר, חיים נתן איז נישט געווען קיין עקר און טייבעלע קיין אומטראַכטערין. טייבעלע האָט געבוירן איר מאַן אַ אינגל און צוויי מיידלעך, אָבער אַלע דריי זיינען געשטאָרבן קליינערהייט, איינס פון קאָקלהוסט, איינס פון שאַרלאַך און איינס פון דיפטעריט. דערנאָך האָט זיך טייבעלעס טראַכט פאַרשלאָסן און ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין ברכות, שפּרוכן, קרייטעכער. פון צער איז חיים נתן געוואָרן אַ פּרוש. ער האָט זיך אָפּגעשיידט פון ווייב, אויפגעהערט עסן פלייש און איז מער נישט געשלאָפן מיטן ווייב אין שלאָף־חדר, נאָר אין בית־מדרש אויף דער באַנק. טייבעלע האָט געהאַט געירשנט פון טאַטע־מאַמע אַ שניט־קראָם און זי איז דאָרט געזעסן אַ גאַנצן טאָג מיט אַן אייל רעכטס, אַ שער לינקס און אַ טייטש־חומש פון פאָרנט. דער חיים נתן איז געווען אַ הויכער, אַ דאַרער, מיט שוואַרצע אויגן און אַ שפּיציק בערדל ווי אַ קלין — בטבע אַן איינגעשלאָסענער אין זיך, מיט אַ שם פון אַ מרוק אַפילו ווען אַלץ איז געגאַנגען כשורה. טייבעלע איז געווען אַ קליינע, אַ העלע, מיט בלויע אויגן און אַ קיילעכיק פּנים. ווי וואויל גאָט האָט זי געשטראָפט, פלעגט זיך נאָך אַלץ באַווייזן אויף אירע ליפּן אַ שמייכל און אין די באַקן האָבן זיך אַוועקגעשטעלט חן־גריבלעך. זי האָט מער נישט געהאַט פאַר וועמען צו קאָכן, פונדעסטוועגן האָט זי יעדן טאָג אָנגעצונדן פייער אין אויוון, אָדער אונטער דעם דרייפוס, אויפגעזאָטן פאַר זיך אַ גריץ, אַ יאַיכל, אָדער אַ באָרשט. זי האָט אויך געשטריקט אַ זאָק, אַ לייבל, אָדער גאָר אויסגענייט אויף קאַנווע. ס׳איז נישט געווען איר געוואוינהייט צו גריבלען זיך און צו ביטערן אָן אַ גרענעץ.

אין איינעם אַ טאָג האָט חיים נתן אַריינגעלייגט אין אַ זאַק דעם טלית־און־תפילין, אַביסל וועש, אַ לאַבן ברויט און איז אַוועק פון הויז. די שכנים האָבן אים געפרעגט וואו ער גייט און ער האָט געענטפערט: וואו די אויגן וועלן מיך טראָגן.

מ׳איז געקומען אָנזאָגן טייבלען די בשורה, אַז דער מאַן איז פון איר אַוועק, אָבער ס׳איז שוין געווען צו־שפּעט אים נאָכצויאָגן. ער איז געהאַט אַריבער דעם טייך מיט דער פּראָם. מ׳האָט זיך שפּעטער דערוואוסט אַז ער האָט געדונגען אַ פור קיין לובלין. טייבעלע האָט אַרויסגעשיקט אַ שליח אים זוכן, אָבער נישט דער מאַן און נישט דער שליח האָבן זיך אומגעקערט. טייבעלע איז צו דריי און דרייסיק יאָר געבליבן אַן עגונה.

נאָך אַ צייט זוכן האָט טייבעלע באַנומען אַז זי האָט מער נישט אויף וואָס צו האָפן. גאָט האָט איר געהאַט צוגענומען סיי די קינדער, סיי דעם מאַן. זי האָט מער קיינמאָל נישט געטאָרט חתונה האָבן. פון איצט אָן האָט טייבעלע געמוזט לעבן אַליין. זי האָט געהאַט איר הויז, איר קראָם, אירווירטשאַפט. די שטאָט־לייט האָבן זי גריילעך באַדויערט ווייל טייבעלע איז געווען אַ שטילע,

אַ גוטהערציקע, אַן ערלעכע אין האַנדל. אַלע האָבן געטענהט דאָס אייגענע: פֿאַרוואָס קומט איר אַזאַ שטראָף? אָבער גאָטס וועגן זײַנען פֿאַרהוילן.

די טייבעלע האָט געהאַט עטלעכע ווייבלעך אין איר עלטער וואָס זי האָט זיך מיט זיי געחברט נאָך פֿון די מיידלשע צייטן. בייטאָג איז יעדע באַלעבאָסטע פֿאַרנומען מיט אירע טעפּ, אָבער אין אָוונט פֿלעגן אַמאָל טייבעלעס חברטעס קומען צו איר פֿאַרברענגען. אין זומער זײַנען אַלע געזעסן אינדרויסן אויף דער באַנק, מ׳האָט געשמועסט און זיך דערציילט מעשׂיות.

איינמאָל אין אַ זומער־אָוונט אָן אַ לבֿנה, ווען אין שטאָט איז געווען פֿינסטער ווי אין מצרים, איז טייבעלע געזעסן מיט אירע געזעלינס און טייבעלע האָט זיי דערציילט אַ מעשׂה פֿון אַ מעשׂה־ביכל וואָס זי האָט געקויפֿט בײַ אַ פּאַקנטרעגער: אַ געשיכטע פֿון אַ אידישער טאָכטער וואָס אַ שד האָט זיך צו איר באַהאָפֿטן און געלעבט מיט איר ווי אַ מאַן מיט אַ ווײַב. טייבעלע האָט איבערגעגעבן דעם טראַף מיט אַלע פּרטים. די ווייבלעך זײַנען געוואָרן אַזוי דערשראָקן אַז זיי האָבן זיך אָנגענומען בײַ די הענט, זיך צוגעדריקט איינע צו דער אַנדערער, אויסגעשפּיגן, געלאַכט מיט אַ געלעכטער וואָס קומט פֿון פּחד. איינע האָט אַ פֿרעג געטאָן:

— פֿאַרוואָס האָט זי אים נישט פֿאַרטריבן מיט אַ קמיע?

— נישט יעדער שד שרעקט זיך פֿאַר אַ קמיע — האָט טייבעלע געענטפֿערט.

— פֿאַרוואָס איז זי נישט געפֿאָרן צו קיין בעל שם?

— ער האָט זי געוואָרנט אַז אויב זי וועט אַנטפּלעקן דעם סוד, וועט ער זי דערוואַרגן.

— נישט דאָ געדאַכט, נישט פֿאַר אונדז געדאַכט, נישט פֿאַר קיינעם געדאַכט — האָט זיך אָנגערופֿן איינע פֿון די ווייבלעך.

— איכ׳ל שוין פֿאָרכט האָבן אַהיימצוגיין — האָט אַן אַנדערע געזאָגט.

— איכ׳ל דיך צופֿירן — האָט די דריטע זי געטרייסט.

גראָד איז געהאַט פֿאַרבייגעגאַנגען אלחנן, אַ בעלפֿער וואָס האָט זיך געשניטן אויף אַ בדחן און וואָס איז שוין פֿינף יאָר געזעסן אַן אַלמן. אלחנן האָט געהאַט אַ נאָמען פֿאַר אַ גרינגן פֿאַרשוין, אַ לץ, אַן איבערגעדרייט שלעסל. ער איז געגאַנגען מיט שטילע טריט ווײַל ס׳האָבן זיך אים געהאַט אויסגעריבן די זוילן פֿון די שיך און ער האָט געטרעטן אויף די באָרוועסע פֿיס. ווען ער האָט געהערט טייבעלען דערציילן די מעשׂה, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, געלוישט. דאָס חשכות איז געווען אַזוי געדיכט און די ווייבלעך האָבן זיך אַזוי אַרײַנגעטאָן אין דעם געהאַלישן פֿאַרלויפֿעניש, אַז זיי האָבן נישט געלייגט קיין אַכט. דער אלחנן איז געווען אַן אויסגעלאַסענער, אַ בעל־תּאווה, פֿול מיט הינטערליסטיקע און חמור־אייזלשע קונצן. ס׳איז אים גלייך איינגעפֿאַלן אַ וואָוילערישער פּלאַן.

נאָכדעם ווי די ווייבלעך זײַנען אַוועק, איז אלחנן שטילערהייט אַרײַן צו טייבעלען אין הויף. ער האָט זיך דאָרט פֿאַרשטעקט הינטער אַ בוים און געלויערט. ווען ער האָט געזען דורכן פֿענסטער פֿון שלאָף־שטוב ווי טייבעלע לייגט זיך אין בעט און פֿאַרלעשט דאָס ליכט, האָט ער זיך מיט שטילע טריט אַרײַנגעגנבֿעט אין איר דירה. טייבעלע האָט נישט פֿאַרקייטלט די טיר ווײַל ס׳האָט אין דעם מקום נישט געטראָפֿן קיין גנבֿה. אין דער פֿאָדערשטער שטוב האָט ער אויסגעטאָן דעם ראָק, דעם לייבסערדאַק, די פּלודערן, געבליבן



מוטער־נאַקעט. דערנאָך האָט ער אויף די שפּיצן פֿינגער זיך דערנענטערט צו טייבעלעס געלעגער. טייבעלע האָט שוין געהאַלטן בײַם אײַנשלאָפֿן. מיט אַמאָל האָט זי דערבליקט אין דער פֿינסטער אַן אָפּצייכן פֿון אַ געשטאַלט. אַזאַ אַנגסט האָט זי אָנגענומען אַז זי האָט נישט געקאָנט שרייען.

— ווער איז דאָס? — האָט זי געפֿרעגט אַ דערציטערטע און אלחנן האָט גענומען רעדן מיט אַ באַנומענער שטים:

— טייבעלע, שריי נישט. אויב דו וועסט אויפֿהויבן דײַן קול, וועל איך דיך גלייך אומברענגען. איך בין הורמיזא, דער שד וואָס האָט צו זאָגן איבער פֿינסטערניש, רעגן, האָגל, דונערן און ווילדע חיות. איך בין דער אייגענער מחבל וואָס האָט אַנטשפּויזט יענע יונגפֿרוי, וואָס פֿון איר האָסטו הײַנט געשפּראָכן; און מחמת דו האָסט איבערגעגעבן די זאַך מיט פֿיל טעם, האָב איך פֿון אָפּגרונט אָנגענויגט אַן אויער צו דײַנע רייד און געקראָגן לוסט צו דײַן לײַב. פּרוּאוו מיך נישט ווידערשפּעניגן ווײַל יענע וואָס זאָגן זיך אָפּ צו טאָן מײַן ווילן, שלעפּ איך אַוועק הינטער די הרי חושך, צום באַרג שעיר, אין אַ וויסטעניש וואו מענטשן גייען נישט, פֿיס טרעט נישט, די ערד איז אײַזן, דער הימל איז קופּער, און איך וואַלגער זיי דאָרט אין דערנער און אין פֿײַער, צווישן שלאַנגען, עקדישן און פֿיפּערנאָטערס ביז יעדער ביין ווערט צעריבן אויף שטויב און זיי ווערן פֿאַרלוירן אויף אייביק אין שאול תּחתּיה. פֿאַרקערט, אויב דו וועסט טאָן מײַן פֿאַרלאַנג, וועט דיר קיין האָר נישט ווערן געקרימט און איך וועל דיר שיקן הצלחה וואו דו וועסט דיך קערן און ווענדן...

ווען טייבעלע האָט געהערט די דאָזיקע ווערטער, איז זי געבליבן ליגן ווי אין אוממאַכט. דאָס האַרץ אין דער ברוסט האָט געטאָן אַ צאַפּל און זיך אָפּגעשטעלט. זי האָט געמיינט אַז ס׳איז געקומען איר סוף. נאָך אַ ווײַל האָט זי זיך געשטאַרקט און געמורמלט:

— וואָס ווילסטו פֿון מיר? איך בין אַן אשת איש.

— דײַן מאַן איז טויט. איך בין אַליין נאָכגעפֿלויגן נאָך זײַן לוויה — האָט דער בעלפֿער געברומט פֿון בויך אַרויס. — צוואָר, איך קאָן נישט קומען צום רבֿ עדות־זאָגן און דיך אויפֿבינדן ווײַל אונזערע לײַט זײַנען נישט באַגלויבט. איך טאָר אויך נישט איבערטרעטן די שוועל פֿון בית־דין־שטוב ווײַל איך האָב אָפּשיי פֿאַר דער ספֿר־תּורה. אָבער איך טו נישט לייגן. דײַן מאַן איז געשטאָרבן אין אַן אונטערגאַנג און די ווערעם האָבן שוין פֿאַרצערט זײַן נאָז. אַפֿילו ווען ער וואָלט געלעבט, מעגסטו זיך אויך פּאָרן מיט מיר, ווײַל אויף אונדז זײַנען נישט חל די דינים פֿון שולחן ערוך...

הורמיזא דער בעלפֿער האָט אַרויסגעבראַכט נאָך אַנדערע רייד, סיי זיסע, סיי שרעקעדיקע. ער האָט אָנגערופֿן די נעמען פֿון מלאָכים, שדים, מאַרעס, וואַמפּירן. ער האָט געשוואוירן אַז אַשמדאי, דער קעניג פֿון די שדים, איז זײַן שטיף־פֿעטער און אַז לילית, די קעניגין פֿון די נישט־גוטע, טאַנצט פֿאַר אים, הורמיזאן, אויף איין פֿוס, און טוט אים געפֿעליקייטן. שיבֿתּא, די שדיכע וואָס גנבֿעט קינדער בײַ קימפּעטאָרינס, באַקט פֿאַר אים מאָן־קיכלעך אין אויוון פֿון גיהנום און באַשמעלצט זיי מיט דעם פֿעטס פֿון כּישוף־מאַכערס און שוואַרצע הינט. ער האָט גערעדט אַזוי לאַנג און מיט אַזוינע ווירציקע משלים און גלײַכווערטלעך אַז טייבעלע האָט געמוזט שמייכלען אין איר באַדרענגעניש. הורמיזא האָט צוגעגעבן אַז ער האָט זי, טייבעלען, ליב שוין

אַ לאַנגע צייט. ער האָט איר דערמאָנט די קליידער און שובעס וואָס זי האָט געטראָגן היי־יאָר און פאַראַיאָרן; ער האָט געטראָפן די מחשבות וואָס זי האָט געטראַכט ביים קנעטן טייג, שטעלן טשאָלנט, אין באָד, אין אָפּטריט. ער האָט איר געגעבן אַ וואָרצייכן אַז אַנומלט איז זי אויפגעשטאַנען מיט אַ בלויען צייכן אויף דער ברוסט. זי האָט געמיינט אַז דאָס איז אַ טויטנקנופּ. אין דער וואָר איז עס געווען אַ קוש, פון זיינע, הורמיזאס, לעפצן. נאָך אַ וויַיל איז דער שד אַרויף צו טייבעלען אויפן אונטערבעט און ער האָט געטאָן וואָס ער האָט באַגערט. ער האָט איר צו וויסן געטאָן אַז פון היינט אָן און וויַיטער וועט ער זי באַזוכן צוויי מאָל אין דער וואָך, מיטוואָך און שבת־צו־נאַכטס וואָס דעמאָלט האָבן יענע לייט שליטה. דערביי האָט ער זי געוואָרנט אַז אויב זי וועט עמעצן אויפדעקן וואָס ס׳איז איר צו האַנט געקומען אָדער געבן די מינדסטע אָנצוהערעניש, וועט ער אין איר נעמען נקמה: איר אַרויסרייסן די האָר פון שאַרבן, אויסשטעכן די אויגן, אויסבייסן דעם נאָפּל. ער וועט זי אויך פאַרוואַרפן אין וויסטעניש וואו דאָס ברויט איז קויט, דאָס וואַסער — בלוט און מ׳הערט דאָרט טאָג און נאַכט די ווייַ־געשרייען פון צלמוות. ער האָט באַפוילן טייבעלען זי זאָל שווערן ביים געביין פון איר מוטער אַז זי וועט היטן דעם סוד ביז צום לעצטן טאָג. טייבעלע האָט באַנומען אַז ס׳איז נישטאָ פאַר איר קיין אַנטרינונג. זי האָט אים אָנגענומען ביים דיך, געשוואוירן און געטאָן אַלץ וואָס דער אומגעהייער האָט געבאָטן.

איידער הורמיזא איז אַוועק האָט ער זי לאַנג געקושט און ווי וואויל ס׳איז אַ שד, נישט אַ מאַנסביל, האָט טייבעלע אים צוריקגעקושט און באַנעצט זיין באָרד מיט אירע טרערן, מחמת לויט ווי פאַר אַ מזיק, איז ער זיך באַגאַנגען מיט איר גוט...

ווען הורמיזא איז אַוועק, האָט טייבעלע גענומען שלוכצן און זי האָט אַזוי אַריינגעהעשעט אין קישן ביז זון־שפּראָץ.

פון דעמאָלט אָן איז הורמיזא געקומען צו איר יעדן מיטוואָך און שבת־צו־נאַכטס. טייבעלע האָט געזאָרגט זי זאָל נישט ווערן טראָגעדיק פון דעם נישט גוטן און געבוירן אַ פאַרזעעניש מיט אַ ווײַדל און הערנער, אַ צווערקל, אָדער אַ מאָנקאַלב, אָבער הורמיזא האָט איר פאַרזיכערט אַז ער וועט זי שוינען פון פאַרשעמונג. טייבעלע האָט אים געפרעגט צי זי דאַרף גיין אין מקווה און זיך רייניקן נאָך די אומריינע טעג, אָבער הורמיזא האָט געענטפערט דאָס די דינים פון נידה זיינען נישט פאַר יענע וואָס באַהעפטן זיך מיט דער סטרא אחרא.

ס׳איז דאָ אַ ווערטל אַז באַשירעמט זאָל מען ווערן צו וואָס אַלץ מ׳קאָן זיך נישט צוגעוואוינען, און אַזוי איז געשען מיט טייבעלען. אין אָנהויב האָט זי זיך געשראָקן דער באַנאַכטיקער זאָל איר נישט אָנטאָן קיין שאָדן, מאַכן קראַנק, קרעציק, קאָלטנדיק אָדער זי דערפירן זי זאָל בילן ווי אַ הונט צי גאָר טרינקען השתנה און ווערן צו־שאַנד. אָבער הורמיזא האָט זי נישט געשמיסן, נישט געקנייפּט, אויף איר נישט געשפּיגן. פאַרקערט, ער האָט זי געצערטלט, איר איינגערוימט ליבע־רייד, געפלאָכטן איבער איר גראַמען. טיילמאָל האָט ער אָפּגעטאָן אַזוינע שטיקלעך און געפּלאַפּלט לאַפּיטוטישע רייד אַז זי האָט געמוזט לאַכן. ער האָט איר געצויגן ביים לעפּל פון אויער, זיך איינגעביסן מיט ליבשאַפט אין איר אַקסל און צומאָרגנס האָט זי געפונען שראַמען פון זיינע ציין. ער האָט זי צוגערעדט זי זאָל לאָזן וואַקסן די האָר



אונטער דער קאַפּקע און ער האָט איר פאַרפלאָכטן צעפּלעך. ער האָט זי אויסגעלערנט סגולות און שפּרוכן, איר אויך דערציילט פון זיינע נאַכט־ברידער, די רוחות, וואָס ער פליט מיט זיי איבער חורבות, פעלדער מיט הינט־שוואָמען, איבער די זאַלצענישן פון סדום און די געגליווערטע וואַסערן פון ים הקרוש. ער האָט נישט געלייקנט אַז ער האָט נאָך אַנדערע ווייבער, אָבער זיי זיינען אַלע שדיכעס. אַ מענטשן־טאָכטער באַזיצט ער איינע. ווען טייבעלע האָט אים געפרעגט אויס נייגיר ווי די ווייבער זיינע הייסן, האָט ער זיי אָנגערופן ביי די נעמען: נעמה, מחלת, אַף, חולדה, זלוכה, נפקא, חימה. צוזאַמען זיבן ווייבער.

ער האָט געזאָגט אַז נעמה איז שוואַרץ ווי פּעך און אַלעמאָל פול מיט גרימצאָרן. ווען זי קריגט זיך מיט אים, שפּייט זי מיט גיפט און פון די נאָז־לעכער זעצט אַ פלאַם און אַ רויך.

מחלת האָט אַ פּנים פון אַ פּיאַווקע און ווען זי רירט־אָן עמעצן מיט דער צונג, ווערט יענער בראַנדיק.

אַף האָט ליב זיך צו צירן אין זילבער, שמאַראַגדן, דימענטן. די צעפּ אירע זיינען פון גינגאָלד. אויף די פיס טראָגט זי בראַסלעטן מיט גלעקלעך. ווען זי טאַנצט, קלינגט איבער אַלע מדבריות.

חולדה האָט דאָס געשטאַלט פון אַ קאַץ. זי רעדט נישט, נאָר מיאוקעט. די אויגן אירע זיינען גרין ווי אַגרעס. ווען זי פּאָרט זיך, עסט זי דערביי די לעבער פון אַ בער.

זלוכה איז אַ שונא פון כלה־מיידלעך. זי נעמט אויך צו ביי חתנים די מאַכט. ווען אַ כלה גייט אַרויס אַליין ביינאַכט אין דער צייט פון די שבע ברכות, טאַנצט איר זלוכה אַקעגן און די כלה ווערט דערפון שטום, אָדער קריגט אַ פאַרכאַפּעניש.

נפקא איז אויסגעלאַסן, שלענדערט זיך אַרום מיט אַלע שדים. ער, הורמיזא, האַלט זי דערפאַר וויל זי קאָן באַלאַקען מיאוסע און חוצפּהדיקע רייד וואָס טוען אים וואוילגעפעלן.

חימה דאַרף זיין לויט איר נאָמען אַ בייזוויליקע, ווי נעמה דאַרף זיין אַ מילדע, אָבער ס׳איז פאַרקערט: חימה איז אַ שדיכע אָן אַ גאַל. זי טוט צדקה, פאַרקנעט דאָס טייג אין הייזער וואו די באַלעבאָסטע איז שלאָף, און ברענגט ברויט אין שטובן וואו ס׳פּייפט דער דלות.

אַזוי האָט הורמיזא אָפּגעמאָלט זיינע ווייבער, ווי ער פאַרברענגט מיט זיי, שפּילט מיט זיי, מאַכט מיט זיי קאָזשעלקעס איבער די דעכער, טוט אָפּ אַלערליי שאַלמויזן. געוויינלעך איז אַ ווייבספאַרשוין אייפערזיכטיק אויב אַ מאַן האָט אַנדערע ווייבער, אָבער ווי קאָן אַ מענטשן־טאָכטער זיין אייפערדיק אויף אַ טייוול? פאַרקערט, הורמיזאס מעשיות זיינען געפעלן טייבעלען און זי האָט אים אַלץ מער אויסגעפרעגט און געפאָרשט. אַמאָל האָט ער איר אַנטפּלעקט סודות וואָס קיין שום מענטשנקינד קאָן נישט וויסן — וועגן גאָט, די מלאָכים, די שרפים, די אויבערשטע פּאַלאַצן, די זיבן הימלען; אויך ווי מ׳שטראָפט די רשעים און מרשעתן אין פּעסער פּעך, בעקנס קוילן, אויף שטעכבעטלעך, אין קופּעס שניי און ווי די מלאכי חבלה פּיצקען זייערע לייבער מיט פייעריקע ריטער.

הורמיזא האָט געזאָגט אַז די גרעסטע שטראָף אין גיהנום איז קיצלען. ס׳איז דאָרט פאַראַן אַ לץ און זיין נאָמען איז לעקיש. ווען לעקיש קיצלט די פאַרשייטע נקבות אין די פּיאַטעס און אונטער די אָרעמס, הילכט אָפּ דאָס יאָמער־געלעכטער ביז דעם אינזל מאַדעגאַסקאַר.

אַזוי האָט הורמיזא פאַרווילט טייבעלען אין די נעכט און ס׳איז באַלד דערגאַנגען דערצו אַז זי האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך אים. די זומער־נעכט זיינען איר פאַרגעקומען צו־קורץ ווייל ווי נאָר דער האָן האָט געקרייט, איז הורמיזא אַוועק. אַפילו די ווינטער־נעכט האָבן איר אויסגעוויזן נישט לאַנג גענוג. דער אמת איז, אַז זי האָט שוין ליב געהאַט הורמיזאן און ווי וואויל זי האָט געוואוסט אַז מ׳טאָר צו קיין שד נישט גלוסטן, האָט זי געגאַרט נאָך אים בייטאָג און ביינאַכט.

## 2

ווי וואויל אלחנן דער בעלפער איז שוין יאָרן געווען אַן אַלמן, האָבן די שדכנים אים נאָך אַלץ גערעדט שידוכים. מחמת אַ בעלפער איז אַ קנאַפער פאַרדינער און דערצו האָט ער געהאַט אַ נאָמען פון אַ קל, האָט מען אים געשדכנט מוידן פון געמיינע הייזער, אַלמנהס, גרושהס. אָבער אלחנן האָט אָפגעפטרט די שדכנים מיט אַלערליי אויסריידן. איינע איז צו־מיאוס, די צווייטע האָט אַ הפקר־מויל, די דריטע איז אַ שמאָדער. די שדכנים האָבן זיך געוואונדערט: פון ווען אָן איז דאָס אַ בעלפער וואָס פאַרדינט דריי פייעס אַ וואָך אַזאַ איבערקלויבער? נו, און ווי לאַנג קאָן אַ מאַנסביל זיצן אַליין? אָבער מ׳קאָן קיינעם נישט שלעפן צו דער חופה.

אלחנן האָט זיך אַרומגעדרייט איבערן שטעטל אַ לאַנגער, אַ דאַרער, אַן אָפגעריסענער, מיט אַ רויטער צעשויבערטער באָרד, אין אַ צעכראַסטעט העמד, מיט אַ שפּיציקן גאָרגל וואָס איז געלאָפן אַהין און צוריק. ער האָט געוואָרט דער בדחן ר׳ זעקעלע זאָל שטאַרבן און ער, אלחנן, זאָל פאַרנעמען זיין אָרט, אָבער ר׳ זעקעלע האָט זיך נישט געאיילט. אויף די חתונות האָט ער נאָך אַלץ געשאָטן מיט גראַמען ווי אין די יונגע יאָרן. אלחנן האָט געפרואווט ווערן אַ דרדקי־מלמד פאַר זיך, אָבער קיינער האָט אים נישט פאַרטרויט זיין קינד. אינדערפרי און אין אָוונט האָט ער געפירט די תלמידים אין חדר אַריין און פון חדר. בייטאָג איז ער געזעסן ביי ר׳ איטשעלע מלמד אויפן הויף, ליידיק־גייעריש געשניצט טייטלען, אויסגעשוירן פון פאַפיר רייזעלעך וואָס מ׳נוצט בלויז איין מאָל אין יאָר: אויף שבועות, געקנעטן פון ליים אַלערליי מענטשעלעך. נישט ווייט פון טייבעלעס געוועלב האָט זיך געפונען אַ ברונעם מיט קוואַל־וואַסער און אלחנן פלעגט אַ סך מאָל אין טאָג קומען דאָרט אָנשעפן אַן עמער וואַסער, אָדער אַליין טאָן אַ טרונק וואַסער און פאַרגיסן די רויטע באָרד. ער האָט דערביי געוואָרפן אַ בליק צו טייבעלען. טייבעלע האָט אים באַדויערט. וואָס דרייט זיך אַרום אַ מאַנסביל איינער אַליין? אלחנן האָט יעדעס מאָל צו זיך אַ זאָג געטאָן: וויי, טייבעלע, ווען דו ווייסט דעם אמת!...

אלחנן האָט געוואוינט אין אַ בוידעם־שטיבל ביי אַן אַלטער אידענע, אַ טויבע, אַ האַלב־בלינדע. די זקנה פלעגט אים אָפט פאַרהאַלטן פאַרוואָס ער גייט נישט דאַווענען אין בית־מדרש גלייך ווי אַלע אידן, אָבער אלחנן האָט זיך געפירט אַנדערש פון אַנדערע. ווי נאָר ער האָט אָפגעפירט דאָס קליינוואַרג אַהיים, האָט ער אָפגעכאַפּט מנחה־מעריב, געגאַנגען שלאָפן גלייך מיט די הינער. פון מאָל צו מאָל האָט זיך דער אַלטער אויסגעדוכט אַז זי הערט ווי דער בעלפער שטייט אויף אין מיטן דער נאַכט, גייט ערגעץ. די זקנה האָט אים געפרעגט וואו ער שלייכט אַרום אין די נעכט, נאָר אלחנן האָט געענטפערט



אַז ס׳דוכט זיך איר. די ווייבער וואָס זיצן אויף די בענק, שטריקן זאָקן און מאָטלען, האָבן פאַרשפרייט אַ שמועה אַז אלחנן ווערט שפּעט ביינאַכט אַ ווילקאָלאַק. אַנדערע האָבן אַרויסגעדרונגען אַז ער האָט צו טאָן מיט אַ נישטגוטס. פאַרוואָס דען אַנדערש זאָל אַ מאַנסביל זיצן אַזויפיל יאָרן אָן אַ ווייב? די נגידים האָבן אים מער נישט אָנפאַרטרויט די קינדער. ער איז געוואָרן אַ בעלפער ביי די געמיינע לייט, האָט זעלטן געגעסן אַ לעפל געקעכטס, איז אָפגעקומען מיט טרוקנס.

אלחנן איז געוואָרן אַלץ דאַרער, אָבער די פיס זיינען אים געבליבן גרינג. ער איז נישט געגאַנגען אין גאַס, נאָר געהיפערט מיט די לאַנגע פיס ווי אויף שטאָלצן. ס׳האָט, אַפנים, געברענט אין אים דער דורשט ווייל ער האָט געהאַלטן אין איין קומען צום ברונעם. טיילמאָל האָט ער גלאַט אַזוי געהאָלפן אַ פערדהענדלער אָדער אַ פויער אָנטרינקען אַ פערד. איינמאָל ווען טייבעלע האָט געזען פונדערווייטנס ווי די קאַפאָטע זיינע איז פול מיט גוואַלד־ריסן און צויטן, האָט זי אים אַריינגערופן אין קראָם. ער האָט געטאָן אויף איר אַ דערשראָקענעם קוק מיט די גרויסע פלאַטערנדיקע אויגן, געוואָרן ווייס ווי קרייד.

— כ׳זע די קאַפאָטע איז אייך צעריסן — האָט טייבעלע געזאָגט. — אויב איר ווילט, וועל איך אייך אָפשניידן אַ פאָר איילן סחורה. איר׳ט מיר אויסצאָלן אַ גריוונִיק אַ וואָך.

— ניין.

— פאַרוואָס ניין? — האָט טייבעלע געפרעגט אַ דערשטוינטע. — איכ׳ל אייך צום רב נישט רופן. ווען איר׳ט האָבן, וועט איר צאָלן.

— ניין.

און ער איז גיך אַרויס פון קראָם. ער האָט מורא געהאַט זי זאָל נישט דערקענען זיין קול.

זומער איז דאָס גיין האַלב ביינאַכט צו דער טייבעלע אים נאָך אַלץ אָנגעקומען גרינג. אלחנן איז געקראָכן דורך הינטער־וועגלעך, איינגעהילט דאָס נאַקעטע לייב אין אַ כאַלאַט. ווינטער איז דאָס אויסטאָן און אָנטאָן זיך ביי טייבעלע אין דער פאָדער־שטוב געוואָרן אַלץ לעסטיקער. אַמערגסטן ווערט דער וועג ווען ס׳פאַלט־אָן אַ פרישער שניי. אלחנן האָט געזאָרגט, טייבעלע אָדער עמעץ פון די שכנים זאָל נישט פאַלן אויף די שפּורן. ער האָט באַקומען אַ הוסט, אַ קאַטאַר. ס׳האָט געטראָפן אַז ער איז געקומען צו טייבעלען אין בעט אַריין, געפויקט מיט די ציין, לאַנג זיך נישט געקאָנט דערוואַרעמען. אויס פחד זי זאָל זיך נישט כאַפּן אויף זיין נאַרעריי, האָט ער אויסגעטראַכט פאַרענטפערונגען און אויסריידן. אין אמתן האָט טייבעלע נישט געפאָרשט און נישט געוואָלט פאָרשן. טייבעלע האָט שוין לאַנג געהאַט איינגעזען אַז אַ שד האָט אַלע מידות און שוואַכקייטן פון אַ מענטש. ער האָט געשוויצט, גענִיסט, געשלוקערצט, געגענעצט. טיילמאָל האָט געשמעקט פון אים מיט קנאָבל און טיילמאָל מיט ציבעלע. דאָס לייב זיינס איז איר פאָרגעקומען ווי דאָס לייב פון איר מאַן: מיט אַ גאָרגל און אַ נאָפל, בייניק און האָריק. אַמאָל איז הורמיזא אַריין אין אַ לוינע צו טרייבן שפּאַס, אַן אַנדער מאָל האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן אַ זיפץ. די פיס זיינע זיינען נישט געווען קיין גענזענע, נאָר מענטשלעכע, מיט נעגל און ווינטער־ביילן. איינמאָל האָט אים טייבעלע געפרעגט דעם באַטייט דערפון און הורמיזא האָט איר אויסגעטייטשט:

— ווען איינער פון אונז באַהעפט זיך מיט אַן ערדישער נקבה, נעמט ער

אַן דאָס געשטאַלט פון אַ בן־אָדם. ווען נישט, וואָלט יענע אויסגעגאַנגען פון אימה.

יאָ, טייבעלע האָט זיך צו אים צוגעוואוינט און אים ליב באַקומען. זי האָט אינגאַנצן אויפגעהערט זיך פאָרכטן פאַר אים און זיינע שמד־שטיק. די מעשיות זיינע האָבן זיך קיינמאָל נישט אויסגעשעפּט, אָבער אָפט האָט טייבעלע געפונען אין זיינע רייד ווידערשפּרוכן אָדער אַ ליגן. ער האָט, אַפּנים, ווי אַלע אַנדערע ליגנערס, געהאַט אַ קורצן זכרון. ער האָט מיט אַ צייט צוריק געזאָגט טייבעלען אַז שדים לעבן אייביק, אָבער אין איינער אַ נאַכט האָט ער זי אַ פרעג געטאָן:

— וואָס וועסטו טאָן אַז איכ׳ל קראַפּירן?

— שדים שטאַרבן דאָך נישט!

— מ׳נעמט זיי אַראָפּ אין שאול תחתיה...

איינמאָל נאָך סוכות איז געוואָרן אַן אונטערגאַנג אין שטאָט. פוילע ווינטן האָבן געבלאָזן פון טייך, פון וואַלד, פון די זומפּן. נישט בלויז קינדער, נאָר אויך אַ סך דערוואַקסענע זיינען געלעגן אין קדחת. ס׳האָט גערעגנט און געהאָגלט. די פאַרפלייצונג האָט געהאַט דורכגעריסן די דאַמבע פון דער וואַסער־מיל. דער שטורעם־ווינט האָט אָפּגעבראָכן אַ פליגל פון דער ווינט־מיל. מיטוואָך ביינאַכט ווען הורמיזא איז געקומען צו טייבעלען אויפן געלעגער, האָט זי געמערקט אַז זיין לייב איז אויסטערליש הייס, אָבער די זוילן זיינען אים קאַלט ווי אייז. ער האָט געציטערט און געקרעכצט. ער האָט געפּרואווט טייבעלען אַרומנעמען, אָבער די פינגער זיינע האָבן געפראָסטיקט. ער האָט זיך געפּלייסט זי אויפצומונטערן מיט רייד וועגן די שדיכעס, ווי זיי פאַרפירן יונגע בחורים, מאַכן זיך לוסטיק מיט פרעמדע שדים, פּליוסקען זיך אין מקוה, פאַרפלעכטן קאָלטאַנעס ביי די מאַנען אין די בערד, אָבער ער איז געבליבן שלאַבעריק און זי נישט געקאָנט באַמאַנען. ער האָט איר נאָך קיינמאָל נישט אויסגעוויזן אין אַזאַ קלאָגעדיקן מצב. טייבעלען האָט פאַרקלעמט אין דער ברוסט. זי האָט אַ פרעג געטאָן:

— אפשר דיר איינגעבן מאַלינעס מיט מילך?

און הורמיזא האָט געענטפערט:

— אַזוינע רפואות זיינען נישט פאַר אונזערע לייט.

— וואָס טוט איר ווען איר ווערט שלאַף?

— מיר קראַצן און ראַצן...

ער האָט דאָסמאָל ווייניק גערעדט. ווען ער האָט טייבעלען געקושט, האָט זיך דערטראָגן פון זיין געביס אַ פאַרדומפּענער ריח. געוויינלעך האָט ער פאַרבראַכט מיט איר ביז דער האָן האָט געקרייעט, אָבער דאָסמאָל האָט ער זיך געאיילט זי צו פאַרלאָזן. טייבעלע איז געלעגן אַ פאַרשוויגענע און זיך צוגעהערט ווי ער פאַרעט זיך אין דער פאָדערשטוב. ער האָט איר געהאַט געשוואוירן אַז ער פליט אַרויס דורכן פענסטער אַפילו ווען ס׳איז פאַרמאַכט און פאַרקלעפּט, אָבער זי האָט פאַרנומען אַ סקריפּ פון דער טיר. טייבעלע האָט וואויל באַנומען אַז מ׳טאָר נישט מתפּלל זיין פאַר שדים; פאַרקערט, מ׳דאַרף זיי שילטן און אויסמעקן זייער געדעכעניש; אָבער טייבעלע האָט פונ־דעסטוועגן געבעטן גאָט פאַר הורמיזאן. זי האָט אין איר אַנגסט אַ זאָג געטאָן:

— ס׳זיינען דאָ אַזויפיל שדים, זאָל זיין מיט איין שד מער...

דעם שבת־צו־נאַכטס דערנאָך האָט טייבעלע אומזיסט געוואַרט אויף



הורמיזאן ביז פאַרטאָג, אָבער ער איז נישט געקומען. זי האָט אים גערופן אין איר געדאַנק און געמורמלט די שפּרוכן וואָס ער האָט זי אויסגעלערנט, אָבער פון דער פאָדערשטוב האָט זיך געטראָגן אַ שטומקייט. טייבעלע איז געלעגן אַ געפּלעפטע. הורמיזא האָט זיך געהאַט באַרימט פאַר איר אַז ער האָט געשפּילט פאַר תובל־קין און חנוכן, געזעסן ביי נחן אויפן דאַך פון דער תיבה, געלעקט זאַלץ פון לוטס ווייבס נאָז, געצופּט אַחשוורושן ביי דער באָרד. עס האָט איר אַמאָל געהאַט פאָראויסגעזאָגט אַז אין הונדערט יאָר אַרום וועט זי ווערן מגולגל אין אַ פּרינצעסין און ער, הורמיזא, וועט זי פאַנגען צוזאַמען מיט זיינע קנעכט חתים און תחתים און זי אַוועקטראָגן אין דעם פּאַלאַץ פון בשמת ס׳ווייב פון עשיו. אָבער איצט האָט ער, ווייזט אויס, זיך געוואַלגערט ערגעץ שלאַף, אַן אומבאַהאָלפענער שד, אַ קיילעכדיקער יתום — אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען, אָן אַ געטריי ווייב וואָס זאָל אויף אים אַכט־טאָן. טייבעלע האָט זיך דערמאָנט אַז ער האָט דאָס לעצטע מאָל געאָטעמט ווי אַ זעג און ווען ער האָט אויסגעשנייצט די נאָז, האָט אים געפייפט אַן אויער. פון זונטיק ביז מיטוואָך איז טייבעלע אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ חלום. מיטוואָך האָט זי זיך קוים דערוואַרט דער זייגער זאָל שלאָגן צוועלף, אָבער די נאַכט איז אַריבער און הורמיזא האָט זיך נישט באַוויזן. טייבעלע האָט אומגעקערט דאָס פּנים צו דער וואַנט.

דער מאָרגנדיקער טאָג האָט זיך אָנגעהויבן טונקעלער ווי פאַרנאַכט. אַ שנייאיקער שטויב איז געפאַלן פון הימל. די רויכעס האָבן זיך נישט געקאָנט אויפהויבן פון די קוימענס, געפאַלן איבער די דעכער ווי קויטיקע געווענדער. קראָען האָבן געקראַקעט. הינט האָבן געבילט. נאָך דער פאַרוואָגלטער נאַכט האָט טייבעלע נישט געהאַט קיין כוח צו גיין עפענען דאָס געוועלב. זי האָט זיך פונדעסטוועגן געפעדערט און איז אַרויס אינדרויסן. ס׳איז איר אַקעגנ־געקומען אַ מיטה. פיר נושאים האָבן זי געטראָגן. פון דער פאַרוויי׳עטער דעק האָבן אַרויסגעשטאַרצט די בלויע פיס פון בר־מינן. דער שמש אַליין האָט באַגלייט דעם מת. טייבעלע האָט געפרעגט ווער דאָס איז און דער שמש האָט געענטפערט:

— אלחנן דער בעלפער.

אַן אויסטערלישער געדאַנק איז איינגעפאַלן טייבעלען: צו באַגלייטן אלחננען דעם לא יוצלח, וואָס האָט געלעבט אַליין און איז געשטאָרבן אַליין. ווער וועט היינט קומען אין געוועלב? און וואָס טויג איר דאָס לייזעכץ? טייבעלע האָט געהאַט אַלץ אָנגעוואוירן. זאָל זי אַמווינציקסטן טאָן אַ חסד של אמת. זי האָט באַגלייט דעם טויטן דעם לאַנגן וועג צום בית־עולם. דאָרט האָט זי אָפּגעוואַרט ביז דער באַגרעבער האָט אָפּגעשאַרט די קופּע שניי, אויסגעגראָבן אַ קבר אין דער געפרוירענער ערד. מ׳האָט אלחנן דעם בעלפער איינגעהילט אין אַ טלית, אַ הויב, אים אַרויפגעלייגט שערבעלעך אויף די אויגן, אים אַריינגעשטעקט צווישן די פינגער אַ ריטל וואָס דערמיט וועט ער, ווען משיח וועט קומען, גראָבן אַ וועג דורך היילן קיין ארץ־ישראל. דערנאָך האָט מען דאָס קבר צוגעדעקט און דער באַגרעבער האָט געזאָגט קדיש. אַ געוויין האָט אָנגענומען טייבעלען. דער דאָזיקער אלחנן האָט געלעבט אַליין גלייך ווי זי. ער האָט גלייך ווי זי, טייבעלע, נישט איבערגעלאָזט קיין יורש. יאָ, אלחנן דער בעלפער האָט שוין געהאַט אָפּגעטאַנצט דעם לעצטן טאַנץ. פון הורמיזאס רייד האָט טייבעלע געוואוסט אַז דער נפטר קומט נישט גלייך אין

גן־עדן. יעדע זינד באַשאַפט אַ שד און די שדים זיינען דעם מענטשנס קינדער נאָך דער פטירה. זיי קומען מאָנען זייער חלק. זיי רופן דעם מת טאַטע און קוילערן אים אין אַלע וויסטע וועלדער ביז ער קומט אָפּ דאָס זייניקע און איז גרייט צו דער לייטערונג אין גיהנום...

פון דעמאָלט אָן האָט טייבעלע געלעבט אַליין — אַ טאָפּלטע עגונה: נאָך אַ פרוש און נאָך אַ שד. די עלטער איז איצט אויף איר גיך אַרויף. ס'איז איר גאָרנישט געבליבן פון אַמאָל אַחוץ אַ סוד וואָס נישט מ'קאָן אים דערציילן און נישט עמעץ וועט אים גלויבן. פאַראַן אַזוינע סודות וואָס דאָס האַרץ קאָן דעם מויל נישט אַנטפּלעקן. מ'נעמט זיי מיט אין קבר. די ווערבעס מורמלען דערפון, די קראָען קראַקען דעריבער, די מצבות שמועסן דערפון שווײַגנ־דיקערהייט, אין אַ לשון פון שטיין. די מתים וועלן אַמאָל אויפשטיין, אָבער די סודות זייערע וועלן בלייבן מיט גאָט און זיין משפט ביז צום סוף פון אַלע דורות.

*

מלך ראַוויטש

## דער היינט איז טונקל

גערוידמעט יעקב גלאַטשטיין ווי אַ רעפליק אין דעם וויכוח וועגן אומפאַרשטענדלעכער פּאָעזיע.

דער היינט איז טונקל,
דער מאָרגן איז שוואַרץ,
דער נעכטן איז ליכט —
דעריבער וועלן אויף להכעיס טרינקען מיינע אויגן, שיכורן מיין האַרץ
דעם נעכטן.

דער היינט איז אַ וואָלף,
דער מאָרגן איז אַ טיגער,
דער נעכטן איז אַ לאַם —
דעריבער וועלן אויף להכעיס גלעטן מיינע אויגן, האַלזן מיין האַרץ
דעם נעכטן.

דער היינט איז אומרו,
דער מאָרגן איז תוהו ובוהו,
דער נעכטן איז שבת־שבתון —
דעריבער דאַוועגען צו להכעיס מיינע אויגן, פאַלן כורעים מיין האַרץ
פאַרן נעכטן.

דער היינט איז גאַל,
דער מאָרגן איז סם,
דער נעכטן איז אַ זיסער קוואַל —
דעריבער זופן מיינע אויגן אויף להכעיס, קוויקט און טרייסט זיך מיין
האַרץ מיט נעכטן.

דער היינט איז גסיסה,
דער מאָרגן איז מוות,
דער נעכטן — גן־עדן הימליש־זיסע —



דעריבער און צו להכעיס פאַרגלייס איך די אויגן און זינג שירה
צום נעכטן.

דער היינט איז אַ געוואָרפענע קללה,
דער מאָרגן איז איר מקוים־ווערן,
דער נעכטן איז אַ ברכה —
דעריבער און צו להכעיס קוש איך דעם זוים פונעם מאַנטל פון נעכטן,
און צעבייס אים אין מאַכטלאָזן כעס.

ווייל דער היינט דאַרף זיין גאַנג,
און דער נעכטן — פאַרגאַנג,
און דער מאָרגן — די ברכה, און דער מאָרגן — געזאַנג.

דעצעמבער 1961.

*

אהרן צייטלין

## שלאָפנגיין

און די מאַמע האָט דאָס קינד אין די אָרעמס געכאַפּט,
בגוואַלד עס געטראָגן צום בעטל.
ס'קינד האָט נאָך שפילן געוואָלט מיט ראָסטי דעם הינטל,
מיט מאָנטי דעם קעצל. ס'האָט זיך געבעטן:
נאָ לולי, פּליז... נאָ לולי, פּליז...
און אין דעם פּליז האָט געציטערט אַזויפיל געבעט.
אָבער די מאַמע האָט דאָס קינד געלייגט אין בעט.
אומזיסט האָט דער זיידע זיך אָננעמען געפּרואווט
פאַרן קינד. זאָל עס אַביסל נאָך זיין אויף דער לופט,
אַביסל נאָך שפילן מיט הינטל און קעצל.
אומזיסט. ווען די זון טוט זיך זעצן
מוזן קינדער שלאָפנגיין.

שטיל. ס'קינד שלאָפט. אינעם זומער־פאַרנאַכט
זיינען געבליבן פאַרלאָזטע
מאָנטי און ראָסטי.
דער זיידע גייט אַרויס צו די ערשטע שטערן.
ער ווייס: ס'וועט נישט העלפן קיין געבעט.
מ'וועט אויך אים אַוועקטראָגן. ס'וואַרט אַ בעט.
זיידעס מוזן שלאָפנגיין.
וואָס קוקט ער צו די שטערן? ער וויל פון זיי הערן
אַ וואָרט אַ פאַרבאָרגנס.
אַן אָנזאָג וויל ער הערן,
אַז אַוועקטראָגן וועלן אים מאַמעשע אָרעמס —
און אַז אויפשטיין וועט ער
צומאָרגנס.

יעקב גלאַטשטיין

# מיטן מנין אידישע פאָעטן

כ׳רוף צוזאַמען אַ מנין אידישע פאָעטן, אָבער דאָס מנין וואָס מ׳קאָן מיט אים דאַווענען אין די שענסטע וועלט־שולן און וואָס זייער עברי־זאָגן איז מלא געזאַנג. רוף איך זיי צוזאַמען אין געדאַנק, פאַרשטייט זיך, ווייל איך וויל זיך מיט זיי דורכשמועסן נאָכן דאַווענען און מיט זיי דורכקומען מכוח דעם חבר ראַוויטשעס רוף צו קלאָרקייט און צו — הײנען. כאַפ איך אַ קוק אויף די פנימער און איך זע פאַר זיך — איינס ביי איינס — אייגעיאָרטע געשטאַלטן, איינגעוואָרטע, איינגעקלאָרטע און איך טראַכט זיך וועמען זאָל איך פאַרלייענען דעם נייעם דעקרעט, וועמען זאָל איך רופן צו קלאָרקייט, ווען אַלע זיינען פאַר מיר אַזעלכע בולטע געשטאַלטן. אַפילו די פאָעטישע מאַסקעס וואָס יעדער איינער טוט אָן פון צייט צו צייט, זיינען אויך קלאָר צוגעפאַסט צו יעדערנס פנים.

טראַכט איך זיך, אַז אָט די געשטאַלטן זיינען דאָך סייווי אויסגעקלאָרט געוואָרן דורך די יאָרן, און וויפל סוד זיי האָבן נישט איינגעזונגען אין זייער ליד, וויפל רמז, זיינען זיי דאָך טאַקע דערמיט אַליין אויסגעוואָקסן אין אַן אייגענער פאַרשטענדיקייט, וואָס לאָזט זיך בשום אופן נישט פאַרטושן, אָדער אָפמעקן. יעדער איינער האָט עס דערגרייכט מיטן כוח פון זיין בלאָנדזשענדיקן ליד, דורכן אויסזוכן פאַר זיך אייגענע געהיימען, וואָס דאָס איז דער סימן מובהק פון אַן אויסגעשטאַלטיקטן פאָעט.

פאַראַן אַזאַ מנין פאָעטן ביי אידן, און כ׳בין נישט זיכער, צי יעדער איינער וואָס וועט זיך ערנסט אָפגעבן מיט אויסזוכן דעם מנין, וועט טאַקע טרעפן צו די זעלביקע געשטאַלטן; אַ באַוויז אַז ס׳איז פאַראַן מער ווי אַ מנין, זיכער געבוג איבער אַ מנין, און ס׳איז דאָ פון וואָס צו קלייבן. יעדער איינער פון די געקליבענע פאָעטן איז דערגאַנגען צו זיין ליד, דורך פאַרטונקלטע וועגן, וואָס קיין קריטיקער קאָן עס נישט אויפקלערן. ער קאָן בלויז אָנבעמען און אויסטייטשן די רעזולטאַטן, דאָס געשאַנק וואָס יעדער פון די פאָעטן האָט געבראַכט צו דער אידישער פאָעזיע.

אַ פאָעט איז זיין אייגענער פסיכאָאַנאַליטיקער. ער רעדט, ער רעדט זיך איין, ער רעדט זיך אויס, ביז ער דערעדט זיך צו זיין באַרעכטיקטער און פונקציאָנירנדיקער עקזיסטענץ. דער פאָעט איז אָבער מיט זיך אין אַן אייביקער מלחמה און מאַכט מיט זיך קיינמאָל ניט שלום. אָט די זאַטקייט וואָס בייכלט זיך אָן אויפן פאָעט, מיט דער צייט, רופט מען אַמאָל קלאָרקייט. יעדער אמתער פאָעט שפירט עס אין זיך, ווען ער ווערט זיך אַליין אויף אַזויפיל קלאָר, אַז זיין ליד ווערט צווײמאָל צווייאיק, ווי דער חבר ראַוויטש פאָדערט. מעג ער זיך דעמאָלט ערשט אָנהויבן צערן, ער מוז אַראָפוואַרפן פון זיך די פולע פעטע קלאָרקייט, וואָס פאַרשטעלט דאָס אינערלעכע ליד זיינס, די מיסטעריעזע אָנרעגונג און ווירקונג.

קלאָרקייט איז אייגנטלעך — באַנאַלער אמת. איז דאָך שוין פאַראַן אַ באַנאַליזירט ווערטל, וואָס וואָלטער האָט געזאָגט, אַז ווען דער רבונו של עולם וואָלט אין דער רעכטער האַנט געהאַלטן דעם אמת און אין דער לינקער דאָס זוכן דעם אמת, וואָלט וואָלטער צוגעפאַלן צו דער מעכטיקער לינקער



האַנט און געזאָגט, אַז דאָס איז פאַר אים בילכער. נישט פאַראַן קיין קלאָרערע קלאָרקייט ווי אַ דערפינדונג, און דאָך איז אין איר פאַרוועבט אַ מיסטעריע. דער וואָס רעדט אויפן טעלעפאָן פון ניו־יאָרק מיט אַ פריינט אין לאָס אַנדזשעלעס און פאַרפעלט צו געבן כאָטש אַ קליינעם ציטער, אַפילו ווען ער פאַרשטייט אַקוראַט און וויסנשאַפטלעך וויאַזוי די צוויי קולות זיינען פאַרקניפט געוואָרן, איז זיכער נישט קיין פאָעט.

אָט דער ציטער אין יעדער ליד איז וויכטיקער פון דער דערשפיצטער קלאָרקייט. קלאָרקייט קאָן מען אין אַ ליד אַ סך גרינגער דערגרייכן, ווי אמתע קינסטלערישע אומקלאָרקייט, דאָס וואָס גיט אַ ליד דעם צאַפּל פון אַ געשאַפענער זאַך, וואָס עקזיסטירט אין אייגענעם זכות. דער פאָעט שרייבט נישט קיין בריוו צו דער וועלט מיט זיין ליד, נאָר ער איז דערפינדעריש, נוצנדיק צופיל זאַכן, אַז ס׳זאָל דערפון אַרויסקומען די סימפּליציסטישע קלאָרקייט פון צוויי מאָל צוויי.

איז מיין טענה נישט קעגן קלאָרקייט, פאַר מיר איז גענוג אַ קלאָרקייט, וואָס אַפילו ווען איך באַנעם זי נישט, האָב איך הנאה פון דעם פאָעטס צוזאַמענשטעל פון וואָרט און שורה, פון קלאַנג, געזאָג און געזאַנג. פון דעם פאָעטס פאַרטיפטער איינגעהערטקייט אין סוד פון וואָרט, אין סוד פון זיך, אין סוד פון זיין נאַציאָנאַלער צוגעבונדנקייט. אָן נאַציאָנאַלע וואָרצלען קאָן מען נישט זיין קיין פאָעט. דער אמתער פאָעט מוז גלייך שאַפן דעם איינדרוק, אַז זיין וואָרט איז אַ פראָדוקט פון זיין פאָלקס אוצר. גיט מיר אַן אוניווערסאַלן פאָעט, וואָס איז נישט דערגאַנגען צו דער וועלט, דורך דעם סוד פון זיין קלענערער אָנגעהעריקייט צו די נאַציאָנאַלע אוצרות פון זיין פאָלק, און איך וועל זיין שטאַרק מסופק, צי איז דער אוניווערסאַלער — אַ פאָעט.

אָט דער ערשטער אָנצינד פון דעם וואָס דער פאָעט האָט געירשנט און איבערגענומען פון זיין פאָלק, וואָס אַז מען רעדוצירט עס מיינט עס — קליינע משפחהשאַפט, וואָס נאָך אמתער מיינט עס, דער אויטענטישער שפיגל פון פאָלק און אייגענע טאַטע־מאַמע, אָט דאָס איז דאָך דער גרעסטער סוד פון שאַפונג.

כ׳בין זיכער אַז מלך ראַוויטש נויטיקט זיך נישט אין מיין קלאָרער מיינונג, אָדער יענעם פאָעטס קלאָרע מיינונג, אויסגעדריקט אין פּערזן. וואָס ער וואָלט גאָר באַדאַרפט פאָדערן, איז די קינסטלערישע פאַרוויקלונג, וואָס איר צוזאַמענשטעל אַליין, איז אי סוד, אי קלאָרקייט. אויב אַלע לעמפּלעך זיינען אָנגעצונדן אין ליד, אויב דאָס פנים פון פאָעט שוועבט איבער די שורות, אויב וואָרט און קלאַנג זיינען צוזאַמענגעציטערט אויף אַ חידושלעכן אופן, אויב דאָס ליד איז אַנטשטאַנען, איז עס פאַר זיך אַליין גענוג קלאָרקייט.

דער ענגלישער פאָעט גרעיווס האָט אַמאָל אַרויסגעלאָזט אַן איקאָנאָקלאַסטיש בוך וועגן באַרימטע לידער פון גרויסע ענגלישע פאָעטן. ער האָט צו זיי צוגעשטעלט די מאָס פון קלאָרקייט און לאָגיק און געוויזן, אַז די גרעסטע לידער אין דער ענגלישער פאָעזיע זיינען געשריבן — אָן שכל. גרעיווס האָט געפרעגט קשיות אויף יעדער בילד, אויף יעדער שורה און קלאָר אויפגעוויזן, אַז ווען מען ווענדט אָן לאָגיק, קלעפּט זיך נישט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. ער האָט קיינעם נישט געשוינט. ער האָט צעפּאַלמעסט שעקספּירן, מילטאָנען, קיעטסן און טריאומפירט, אַז זייערע באַרימטע און אַנטאָלאָגירטע לידער האַלטן נישט אויס קיין לאָגיק. וואָס איז געווען דער רעזולטאַט פון דעם פריילעכן בוך? די אומלאָגישע און אומקלאָרע לידער וואָס

ער האָט צעפּאַלמעסט זיינען נאָך אַלץ אַ טייל פון גרויסן אוצר פון דער ענגלישער פּאָעזיע און ראָבערט גרעיווס בוך איז פאַרבליבן אַ פאַרגעסן בוך, וואָס האָט בשעתו אַמוזירט מיט אַ קאַפּיטשקע לעסטערונג, וואָס גרעיווס אַליין האָט זיכער נישט געמיינט אויף קאַטאָוועס. פאַרקערט, אויב ער האָט יאָ עפּעס געמיינט, איז עס געווען דאָס פאַרקערטע, אַז מען טאָר מיט אַזאַ מאָס פון לאָגיק און קלאָרקייט נישט צוגיין צום ליד.

ווידעראַמאָל זאָל מען נישט מיינען אַז דאָס ליד מעג זיין — שטות. אָבער ס׳מעג געזאָגט ווערן, אַז זייער אָפט, אין געיעג נאָך קלאָרקייט ווערט אַ ליד פאַרשטותט. ווען אַ פּאָעט איז ערלעך צו זיך און ער נוצט אויס אַלע קאָליר־פולע רייכקייטן וואָס ער פאַרמאָגט און ער שטעלט פון זיי צוזאַמען זיין פּאָעטיש וואָרט, ווערט ער ליב און פאַרשטענדלעך.

אַז כ׳קום צוריק צום מנין אידישע פּאָעטן און כ׳גיב אַ קוק אויף זייערע קלאָרע פּנימער, האָב איך נישט ס׳האַרץ צו מאָנען ביי זיי אויף די עלטערע יאָרן, קלאָרקייט; מער קלאָרקייט ווי זיי האָבן אונז ביז אַהער געגעבן, דורך דעם געפלאָנטער פון זייערע לידער. ווי וואָלטן זיי דערגאַנגען צו זייער אויסדערוויילטקייט, ווען זיי וואָלטן סיווי נישט פאַרמאָגט יענע פּאָעטישע איבערצייגנדיקייט, וואָס זייערע אַזוי־גערופענע אומקלאָרע לידער האָבן געבראַכט? קלאָרקייט אין פּאָעזיע, אויב אַזאַ זאַך עקזיסטירט טאַקע, איז אַ סך ווייניקער אינדיווידואַליסטיש, ווי דער ברייטער אויסוואַל פון קינסטלערישן סוד, וואָס יעדער פּאָעט שעפּטשעט אים אַריין אין ליד אויף זיין שטייגער. וואָלטן מיר פאַרמאָגט ביים היינטיקן טאָג אַ סך יונגע פּאָעטן, טאַקע אַזעלכע וואָס פּיקן זיך ממש ערשט אויס, וואָלט ראַוויטש זיי געמעגט מוסרן, אַז זיי זאָלן נישט זיין אַזוי פאַרדאַמט צווייטמאָלצווייאיק אין זייער ליד. ביי די עלטערע פּאָעטן איז אַוודאי אַן עוולה צו זוכן און צו פאָדערן אַ רעאָריענטאַציע אויף צווימאָל צוויאיקייט, אָדער אויף היינעשקייט. יעדער פּאָעט פון מיין מנין, פון די לעבעדיקע אָדער אַוועקגעגאַנגענע, איז אַ סך אַ גרעסערער פּאָעט פון היינען. זיי האָבן זיך דערזונגען צו גרעסערע סודות אין ליד, ווי היינע מיט זיין שפּיצלדיקער קלאָרקייט.

ס׳זיינען פאַראַן לידער, וואָס נאָך אײדער איך כאַפּ זייער פאַרשטענדלעכקייט, געפעלן מיר זיי שוין נישט און וואָס קלאָרער די שורות ווערן, אַלץ מער ווער איך מיד פון ליד. פאַרקערט, זיינען דאָ לידער וואָס נאָך אײדער איך דערשפּיר דעם ווייניקן טעם פון זייער אומפאַרשטענדלעכקייט, אַלץ ליבער ווערן מיר די שורות פון ליד און אַלץ נענטער דער פּאָעט. טאָמער האָב איך לכתחילה געוואָלט אַזאַ ליד — פאַרשטיין, איבערצייגט מיך דאָס ליד, אַז די אומפאַרשטענדלעכקייט איז אַ סך טיפער פון דעם ביסל טייטש וואָס איך האָב געזוכט, און אַז די פאַרטיפטע און דערגרייכטע מייסטערשאַפט פון פּאָעט האָט געשאַפן אַ פאַרטייטשונג וואָס לאָזט איבער אַ וואַלדיקן נאָכקלאַנג, וואָס איז אַ פרייד פאַר זיך אַליין.

קומען מיר צום עולם. מלך ראַוויטש פאַרזיכערט אונז, אַז דער עולם וואָלט צוריקגעקומען צום פּאָעט, ווען ער וואָלט דעם לייענער געגעבן — צוויי מאָל צוויי איז פיר. כ׳גלויב קוים צי פּאָעטישער צווימאָל צוויי איז טאַקע אַ שטאַרקער צוצי פאַרן לייענער. דאָ ניט לאַנג האָט מען זיך אין אַמעריקע אַ נעם געטאָן צו די ביבליאָטעקן, וואָס זיינען אין די פאַראייניקטע שטאַטן גרויסע אָפּנעמערס פון ביכער. מען האָט דערפאַר זיך געווענדט צו עטלעכע



מער־ווייניקער באַקאַנטע פּאָעטן, אַז זיי זאָלן רעקאָמענדירן יונגע פּאָעטן, וועמענס ביכער מעגן זיין אין די ביבליאָטעקן. איז ערשטנס געשען אַזוי, אַז יעדער באַזונדערער אָנגעפרעגטער פּאָעט, האָט געהאַט זיינע אייגענע רעקאָמענדירטע דיכטערס. אָבער איינער פון זיי, דער עלטסטער פון דער חבורה, איז אַרויס מיטן נאַקעטן אמת (ראָבערט היליער) און אויסגעזאָגט פון חדר: „וואָס נעמט איר זיך באַשיצן דעם יונגן פּאָעט? וואָס הערט זיך עפּעס מיט אונז עלטערע פּאָעטן, וועמען מען לייענט שוין נישט און וועמענס ביכער מען קויפט נישט?“

כ׳נעם אָן, אַז די אינגערע פּאָעטן וואָלטן קלאַסיפיצירט געוואָרן אין ראַוויטשעס לעקסיקאָן, ווי אומקלאָרע פּאָעטן. די עלטערע וואָלט ער מסתמא פּראָקלאַמירט פאַר צוויי מאָל צווייניקעס. זעען מיר אַז אַפילו די „קלאָרע“ פּאָעטן האָבן אויך קריוודעס און טענות צום לייענער. ס׳ווייזט אויס אַז גרויסע פּאָפּולאַריטעט איז נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר פּאָעזיע. אַ סך פאָלקס־זינגער ווערן שטאַרק פּאָפּולער, אָבער אמתע פּאָעטן מוזן דערגרייכן די עלטער פון ראָבערט פראָסט און ווערן היפשלעך עובר בטל, ביז זיי ווערן צעקלונגענע באַרימטהייטן.

דאָס איז כמעט אַקסיאָמאַטיש, כאָטש ביי אונז, אין אונזער אייגענער אידישער וועלט, זיינען פאַראַן אויסנאַמען, אָבער ערשט די אויסנאַמען וואָלט מען געקאָנט אויפקלערן, און די ריכטיקע אויפקלערונג וואָלט זיכער נישט באַוויזן, אַז די פּאָפּולאַריטעט שטאַמט פון אַ טיפער אָפּשאַצונג פון פּאָעזיע.

קומען מיר צוריק צו מיין מנין אידישע פּאָעטן. כ׳וואָלט בפירוש נישט געוואָלט, אַז זיי זאָלן פּלוצים ווערן קלאָרער ווי זיי זיינען געווען ביז איצט. ראַוויטשעס רוף צו צווימאָל צוויי איז פיר אין דער פּאָעזיע, איז אַ רוף צו דער פּרימיטיוויזאַציע פון אידישן ליד, און מיין מנין פּאָעטן האָט נישט פאַרדינט פון מלך ראַוויטשן אַ פאָרוואורף, אַז ס׳איז עפּעס נישט אין אָרדענונג מיט דער אידישער פּאָעזיע, וואָס זיי האָבן געהאָלפן בויען און אויסגעבויט דערפון אַ פּראַכט־בנין פאַר אַלע אייביקייטן.

*

אפרים אויערבאַך

## די צוויי פעטער מענדלס

די צוויי פעטער מענדלס אין שטוב אַריין קומען,
איז איינער פאַרטונקלט, דער צווייטער איז לויטער.
טראָגט איינער אַ שמייכל, אַ שטילן, אַ פרומען,
דער צווייטער אַנטלויפט פון דער אָרעמער מומען, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

ס׳איז מענדל דער שוואַרצער אַביסל געבויגן,
די באָרד איז נאָך שוואַרצלעך, דער קאָפּ אַ פאַרגרויטער,
אַ וואָרט, אַז ער זאָגט, איז מיט גאָלד אָפּגעוואויגן,
ער קוקט נאָך דעם וואָרט מיט פאַרטרויערטע אויגן, —
מענדל דער שוואַרצער און מענדל דער רויטער.

און מענדל דער רויטער איז קרעפטיק און שטאמיק,
דער קוק זיינער איז א קאיאריק פארבלויטער,
די בארד איז צעשטיפט סוף-זומערדיק פלאמיק,
די רייד, וואס ער רעדט, זיינען שטיפעריש תמיק, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.

ס'איז מענדל דער שווארצער א שטיל אפגעהיטער,
דעם פידל און בויגן זיין אומעט פארטרויט ער,
דאס ווייב, די הארבאטע, אין שטוב איז געביטער,
די יורשטע איז זי פון פריצישע גיטער, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.

אן איידעם איז ער ביי ר' חיים לעקסענדרענער, —
א איד מיט א „מאווער", א שטייניק געבויטער,
אדייעם און הייפלעך און הינער און הענער,
דערצו נאך א למדן און וועלטישער קענער, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.

ר' חיימס א ווארט איז קוראנט ווי א רענדל,
נאר רעדט אים אקעגן, איז נוקם ונוטר,
ער שייערט דעם איידם, ווי א קופערן פענדל,
נאר ס'טונקלט דער טרויער ביי דעם פעטער מענדל, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.

פארפאלן ווערט מענדל דער רויטער אויף זומער,
קומט טאמנע צוריק א פארשטויבטער, פארטויטער, —
וואו ביסטו געוועז? נאר ער שטייט א שטומער,
אן אנדערער, דאכט זיך, עניוותדיק פרומער, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.

געוואלגערט האט ער זיך אין דערפער, אויף סטויגן,
דאס פנים נאך ברוינער, די בארד — פארפאפשויטער,
נאר היינטיקס מאל איז ער פארעלטערט-געבויגן,
פארשאטנט איז אים דאס בלוי אין די אויגן, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.

אזוי די ימים נוראים האט ער אפגעשוויגן, —
וואס איז אים? געווארן אינגאנצן א פארגויטער,
ער שפילט זיך מיט שאף, ער לאשטשעט די ציגן,
קוקט אוים, ווי אן אויסגעגאנגענער ניגון, —
מענדל דער שווארצער און מענדל דער רויטער.



גבריאל פרייל

# דער יאך און די מאנונג פון א ליד

## א. ליד: קלאר אדער אומקלאר

קלארקייט אין פאעזיע קען אמאל זיין דער סך-הכל פון גארניט-זאגעוודיקייט, און פון א פלאכקייט וואס האט זייער ווייניק פארבינדונג מיטן אמתן שעפערישן אימפולס. עס איז, דאכט זיך, שוין געווארן א קלישע אז דער זין פון קונסט איז זיך צו דערגרונטעווען צו די יסודות פון זאכן, צו אבסטראקטע און ממשותדיקע פארוואסן, צו שפינוועבס-דינע אנונגען און א קאליר-רייכער העל-זעעוודיקייט. ווי מליצהדיק אט די דעפיניציע זאל ניט קלינגען איז זי אבער, אביעקטיוו גערעדט, מער ממשותדיק ווי די פראקלאמאציעס וואס פריידיקן אזוי-גערופענע פארשטענדלעכקייט. פערזענלעך איז מיר אפט קרישטאל-העל דווקא יענע פאעזיע וואס דעמערט זיך ווי א פארנאכט און זוכט ניט מיר צו דערציילן, אז איבער אלץ שטייט א מין הייליקע פשטות.

פארשטייט זיך, אז גאר-וויכטיקע פאעטן האבן אפילו מיט פשטות דערגרייכט די שפיצן פון קינסטלערישער גאנצקייט. נאר דאס איז געוועזן די „איינפאכקייט" פון מענטשן וואס האבן דורכן פייער פון זייער וויזיע און דער וואלדיקייט פון זייער פאנטאזיע זיך סוף-כל-סוף דערשלאגן צו דער רואיקער, גרינער לאנקע, וואו אלץ איז אזוי „גוט" און אנגעמבאר. דא איז ניט געווען קיין בכיוונדיקע זוכעניש פון א הייס-געגארטער קלארקייט, נאר איר גראדועלע, ממילאדיקע אנטפלעקונג. ניט דאגמע, באוואוסטזיניקע אדער באהאלטענע, באשטימט דעם מהות פון א ליד, נאר דער „מוז" וואס איז דער יאך און די מאנונג ביי יעדן קינסטלער.

פון דער אנדער זייט, איז שווערקייט, אן-און-פאר-זיך, אויך ניט קיין טוגנט, אויב עס מיינט בלויז אנדערשקייט לשם אנדערשקייט. עס ווערט אן אויסערלעכער ענין וואס האט אפשר מיטן ליד, אין טיפערן זין, גאר ווייניק צו טאן; עס ווערט א געיעג נאך סורפריזן אדער אן עקספערימענטן-געוועט וואס פארדינט זיכער אן ארט ריין-טעכניש, אבער עס האט מיט פאעזיע אלס אינערלעכן אויסדרוק כמעט ווי ניט קיין שייכות.

אין אנדערע ווערטער, דאס באוואוסטזיניק-קאמפליצירטע, לכתחילה-פארנעפלטע ליד האט עפעס געמיינזאמס — מיט דעם בכיוונדיקן איבערקלארן און פשוטן ליד וואס פארמאגט אויך ניט קיין פאעטישן ברען-פונקט; א פארפלאנטערט, פרעטענציעז ליד קען אויף זיין שטייגער זיין פלאך ווי דאס וואסערל פון גארניט-זאגעניש, פון היפער-פארשטענדלעכקייט.

איך וויל מיט דעם קומען צו א שלוס וואס, דוכט מיר, דארף באמת זיין בגדר צוויי-מאל-צוויי; עס איז ניטא קיין קלאר אדער אומקלאר ליד; עס איז דא בלויז ליד — אדער אזוי דארף און מוז עס זיין.

עס קלינגט מיר דעריבער אביסל טשיקאווע היינטיקע צייטן צו הערן וויכוחים וועגן צוריקגיין צו אלטע, סאלידע, גוטע אמתן, אדער זוכן ווי מיט ליכט נייע, ניט-געשטויגענע דרכים. אין לעצטן אנאליז, קומען זיך צוזאמען אלע עלעמענטן וואס זיינען בכוח צו פארמירן אן אויטענטיש ליד — אלטע אדער נייע, אויב מען קען בכלל דעפינירן די סובסטאנץ אדער זין פון שעפערישן אויסדרוק.

איך גלויב, אַז אפשר איז דאָס ניט־דערזאָגן דער סוד, אָדער יענע באַהעפטונג צווישן אידייע און אימאַזש וואָס דערלאָזט נישט קיין מינדסטע צופעליקייט צו פאַרטושן אַן אורשפּרינגלעכן מיין, אַן איינמאָליקן ציל.

און דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט שיין־געפליגלטע דעקלאַראַציעס אָדער טרוקענע „אני מאַמינס".

## ב. דער מקור פון נאַטור אין ליד

עס זיינען פאַראַן פּאָעטן פאַר וועמען דער קלימאַט פון אַ לאַנד אָדער דער סעזאָן פון יאָר דעצידירט דעם כאַראַקטער פון זייער שאַפונג. אָט דער אָפּט־פאַרזעענער פאַקט רעפּרעזענטירט אויך אַ טייל פון דער מיסטעריע פון דיכטונג, און עס שפּילט אָן ספק אַן איבערוועגנדיקע ראָליע אין דער ענדגילטיקער קאָמפּאָזיציע פון זייער ליד.

אויב מיר נעמען אָן די הנחה אַז אַלץ וואָס לעבט און אָטעמט אין דער אויסערלעכער וועלט איז לגבי דעם דיכטער אַן אינערלעכע איבערלעבעניש, שטראָמט אין אים אַריין אַ מין נאָמענלאָזן דראַנג און לאָזט אים ניט רוען ביז עס געפינט דורך אים אַ תיקון — וועלן מיר ערשט קענען ווי געהעריק פאַרשטיין ווי ווייט וועטער איז ספּעציעל בכוח צו באַאיינפלוסן אַ פּאָעט.

ניט אַלע דיכטער זיינען, זעלבסטפאַרשטענדלעך, געניגט צו דעם — איבערהויפּט ניט די וועלכע מען קען באַצייכענען אַלס „אידעאישע". זיי שרייבן וואָס זיי שרייבן ניט אַלס רעזולטאַט פון אַ דירעקטער אינספּיראַציע אָדער אומבאַוואוסטזיניקער כוונה — אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן; זיי ווילן קודם־כל זיך אויסלאָדן געדאַנקלעך, דאָ און דאָרט אַפילו פילאָזאָפיש, און יענע אויסערלעכע קלימאַטישע באַדינגונגען וואָס שאַלטעווען אויף דער אַנדער זייט פון פענצטער גייען זיי אָן גאַנץ קנאַפּ, טאַקע ווי דער „פּאַראַיאָריקער שניי".

אָבער די וויזועלע פּאָעטן, די פאַר וועמען נאַטירלעכע דערשיינונגען אין אַלע זייערע אַספּעקטן זיינען ניט סתם אַזוי אַ נעבן־זאַך נאָר אַן עיקר פון זייער פּאָעטישער וועלט, קענען זיך כמעט ווי ניט פאָרשטעלן קיין גלייכגילטיקייט בנוגע דער נאַטור. אָפּט זעען זיי אין דער אַזוי־גערופענער טרוקנקייט פון זייערע קאָלעגן שיר ניט אַן אַטראָפירונג פון פּאָעטישן פּראָצעס. דאָס איז אָן שום ספק אַ גוזמא און אפשר אויך אַ סימן פון באַגרענעצטקייט: אַן עכטער, ווייט־זעעוודיקער שרייבער דאַרף פאַרנעמען און אָפּשאַצן די גאַנצע פאַרבן־גאַמע פון שאַפונג אָן אונטערשייד צי ס'איז דער רעזולטאַט פון געדאַנקלעכער, בילדערישער אָדער מוזיקאַלישער אָנרעגונג.

נאָר דאָס איז אַן אידעאַלער וואונטש פאַרשטייט זיך. די פּאָעטן וואָס געפינען אַז וועטער איז יאָ אַ פאָרבאַדינג פון זייער שרייבן, שאַפן ספּעציפיש־אָנגעהויכטע זאַכן: האַרבסט אָדער פרילינג, למשל, זינגט אַרויס פון זייערע שורות אוממיטלבאַר, דורך אימאַזשיניסטישע מיטלען — איר האָט דאָ די מאָלערישע אויפפאַסונג, וואָס ווערט אָפּט באַגלייט מיט אַ ריין־לירישן טאָן אָדער מיט ניכטערער צוריקגעהאַלטנקייט. נאָר די וואַרעמקייט אָדער קילקייט פון צוגאַנג, פון אויפפאַסונג איז דאָ אייגנטלעך ניט וויכטיק; אינטערעסאַנט איז אָבער יאָ דער שטאַרקער דרוק, געוויכט פון דער נאַטור — בלויז פון דער נאַטור — אויף אַזאַ דיכטער. אָן איר וואָלט ער שעפּעריש געווען אומבאַהאָלפן, ניט געקענט אַרויסברענגען זיין יחידיש וואָרט.



נאָר דאָס איז נאָך ניט אַלץ: אויף אַ כמעט אומדערקלערבאַרן שטייגער שרייבט דער פּאָעט בעסערע לידער אויך פון אַנדערע זשאַנערס אונטערן צייכן פון זיינער אַ באַליבטער צייט פון יאָר; אָדער, זיצנדיק אינעם אייזיקן, שניי־צעשטורעמטן שטאָט מעין, צום ביישפּיל, קען זיך זיין פאַנטאַזיע הייס צעבליען מיט סוגעסטיעס פונעם ווייטן מיטללענדישן ים. און פאַרקערט. דאָ ווירקט אפשר אַ שטענדיק־וואַכזאַם געפיל פאַר נאַטור־בילדער וואָס ציט זיין יניקה אויך פון קאָנטראַסטן; עס מוז ניט דווקא האָבן אַ נאָענט־זינלעכע דערשיינונג וואָס זאָל באַשטימען די פאָרמירונג, קאָמפּאָזיציע פון ליד.

דאָ איז אויך דער אָרט צוצוגעבן, צו דעם וואָס מיר האָבן פריער אָנגעדייט, אַז פאַר די פּאָעטן קענען אויך אידייאישע און מעטאַפיזישע געשטאַלטונגען זיך אַרויסשיילן פון זייער סעזאָן־און־וועטער־באַוואוסטזיין; אַבסטראַקטע באַגריפן קענען אָנגעמען, אויב עס לאָזט זיך אַזוי זאָגן, אַ מעטאַפאָרןרייכע ממשותדיקייט, אַ שאַרפערע רעאַליטעט. און אין אַ גוט ליד פון דעם מין ליידט ניט די לכתחילהדיקע געדאַנקלעכקייט; זי ווערט בלויז דערגענצט מיטן אָטעם און קאָליר פון אַ לאַנדשאַפט, ווי עס ווערט געזען און דורכגעפילט פונעם דיכטער.

*

רחל ה. קאָרן

## דער אינדיאַנער זומער

דער אינדיאַנער זומער,
וואָס האָט אַמאָל באַפאַרבט די הויט
פון אַלע זיינע שבטים,
קיניגט איצט בלויז איבער סקאַלעס גראָע
און פלאַמט אין זיי אַריין
די בענקשאַפט קופּער־רויט
צוזאַמען מיט זיין האַרבן, שאַרפן אָטעם.

די גראָע וועזוערקעס אין שפּילעוודיק געיעג
וויקלען זיך אַרום די צווייגן און די שטאַמען,
ווי ס'וואָלט ווער שטראָמען אַש געשיט פון פולן איימער
צו לעשן דעם צעצונדענעם פלאַקער פון דיביימער.

דער ווינט האָט אויף אַ ווייל צונויפגעלייגט די פליגל,
ווי אַ שמעטערלינג אויף חשוונדיקער בלום,
שיכור מיט זאַפט און ריח און דעם ביסל שיין,
וואָס האַלט אים אויף אַ רגע, אָדער צוויי
ערב זיין פאַרגיין.

און אין דער שטילקייט הערט זיך בלויז דאָס שאָרכן פון די בלעטער,
בעת זיי פאַלן פון דיביימער איינציקווייז, באַזאַכט,
און בלייבן הענגען אין דער לופטן אויסגעשפּרייטע, מידע,
ווי הענט מיט פינגער אָפן און פאַרשטאַרט
אינמיטן שרייבן זייער לעצטע ווידוי.

א. לעיעלעס

## פערזן פון דער אַטאָמישער עפּאָכע

.1

די יאָרן זענען פליִיטן יונגע נאָך געווען,
געשפּילט מיט זיבן אַני־מאַמינס, דרייצן רייצן.
דער שלום האָט אַ חדר־קשיא אויסגעזען,
וואָס קיינער דאַרף פאַר אים מיט רייד נישט נעמען פלייצן,
און נישט קיין קעסלען ווינט מיט פּילפּול אונטערהייצן.

יהורמס וואָרט צו יהואָן: „איז עס פרידן, זאָג?"
איז מיר געווען אַן אָפּהילך פון אַ רוף באַרבאַריש,
וואָס מעשה דינאָזאַור, צי אַנדער אומגעהאַריש *),
האָט אָפּגעשיידט זיך לאַנג פון דאָ, ווי נאַכט פון טאָג.
עלעקטריע שיינט — ווי קאָן אַ מוח טונקלען נאַריש?

איצט בין איך קליגער. כ'פרעג אַליין איצט יעדע נאַכט,
ווי דאַן ישראלס שלאָפער, שרעקעדיקער קעניג:
איז פרידן, מענטשן־האַרן? וועט איר אונטערטעניק
פון שוואַרץ־פאַרברענטע קינדער־שמייכלען טאָן אַ טראַכט?
דער ענטפער פינסטערט: „חרב, הרג, סקילה, חנק".

.2

פון אַנגסט באַפרייען יעדן טאָג דעם נייעם —
עס מאָנט דאָ יעדע וואונד אַזאַ מין וועלט־רעמאָנט.
די מאָרגן־מוראָס יעדע נאַכט — כפל־כפלים.
ווי דערווישן פאַרדאַרטע אויפן האָריזאָנט,
צעשטעלן זיי זיך אין אַ צאָרנדיקן פראָנט
און וואַרנען, ווי אַמאָל אלישע ס'לאַנד אפרים.

די גאָרע וועלט ספּאַזמירט און וואַרפט זיך אַ פאַרשלאַפטע
אין ציינערדיקן פּיסק פון גריזשנדיקער שרעק.
ווער ווייס וואָס ס'טוט דער הימל? דאָ — אַ דולע כלבטע
לויפט אום און יאָגט מיך נאָכאַנאַנד דורך נעכט און טעג.
איך וויל אַנטרינען. נאָר אַנטלויף פון זיך אַוועק!
מיר ביידע קוקן אָן זיך — פיינטלעכע, פאַרגאַפטע.

*) אין פּויליש־אידיש נישט זעלטן באַנוצט פאַר אַ פאַרזעעניש, מאָנסטער. צווישן אַנדערע האָט י. אָפּאַטאָשו דאָס וואָרט אָפט אָנגעווענדט.



.3

וויפיל שטרויכלעניש, וויפיל כיטרע פּאַסטקעס
רונד אַרום ביי יעדן מינדסטן קער און ווענד.
פעלקער בעטן אונטער פאַלנדיקע ווענט:
זאָל אונז מיידן די געפאַר אין אַלע מאַסקעס,
און — זיי מערן דעם געפאַר־שטאָף אָן אַן ענד.

און דער עקספּלאָזיווער אָנהייב פון דעם אַלעם —
דאָס ביסטו, דו ציגל פון דעם הויז המון.
ד ו באַגערסט טריאומף, אימפּעריע, הערשאַפט, קרוין.
דו ווילסט אויסכאַפּן דעם בלענד־באַגולטן באַלעם
פון דעם אומגעשיקטערן. שפּילסט שטראָף און לוין.

ס'זיצט אַ הורדוס, גראָזני, — ביז נאַפּאָלעאָנען,
ביז דעם גזלן און דעם גרוים־געביטער איצט
אין אַיעדן קאַרליק — מיניאַטוריש זיצט.
פיילן פייפן נישט, עס קנאַלן נישט קאַנאָנען,
נאָר דער חשק דאָרטן — היצט און ברענט און בליצט.

*

ש. שלום

## וועגן קלאָרקייט און פאַרנעפּלטקייט אין דיכטונג

ווען איך דאַרף ענטפערן אויף דער פראַגע וועלכע לידער זיינען מיר מער צום האַרצן קלאָרע אָדער פאַרנעפּלטע, פאַרשטענדלעכע אָדער אומפאַרשטענדלעכע, קום איך צו דער שטאַמלענדיקער תשובה פון אַ קינד וואָס זאָגט: „טאַטע ליב, מאַמע ליב". דיכטונג איז דער שפּיגל פון קאָסמאָס, דער אויסדרוק פאַר די אור־כוחות פון באַשאַף. וואָס מער אַ מענטש דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון „זיין", פון הויה, אין די טיפענישן וואָס זיינען אויסער אים און אין אים — וואָס זיינען אפשר גאָרניט קיין צוויי באַזונדערע זאַכן נאָר איינס — אַלץ מער טונקלקייט און אַלץ מער פאַרנעפּלטקייט אַנטפּלעקן זיך פאַר אים. אָבער וואָס מער שעפעריש דער מענטש איז און וואָס מער ער דערגרונטעוועט די פאַרבאָרגנקייטן פון זיין אייגענער טיפעניש — פאַרוואַנדלט ער די טונקלקייט אין ליכט.

עס טוט מיר לייד, וואָס כדי קלאָר צו מאַכן דעם געדאַנק, מוז איך זיך פאַררופן אויף ביאַליקס אַ ציטאַט וועגן מיין אייגענער דיכטונג, ווייל איך קען ניט געפינען קיין מער טרעפלעכע דעפיניציע פאַר דעם געדאַנק וואָס איך וויל אַרויסברענגען, ווי דער זאָג פון דעם גרעסטן דיכטער פון אונזער תקופה. ביאַליק ז"ל האָט מיך אַמאָל פאָרגעשטעלט פאַר דעם באַוואוסטן פאָרשער און איבערזעצער פון דעם קאָראַן אויף העברעאיש פּראָפ. י. ריוולין (אים צו לאַנגע יאָר). ער האָט געזאָגט: „דער אונטערשייד צווישן דעם יונגנמאַן און אַנדערע דיכטער פון זיין עלטער באַשטייט אין דעם, וואָס זייער וועלט איז אַן איינפאַכע און זיי מאַכן זי קאָמפּליצירט אין זייערע לידער, און ער —

זיין וועלט איז זייער אַ קאָמפּליצירטע, אָבער ער געפינט פאַר איר אַ פשוטן אויסדרוק אין זיין דיכטונג".

ווייס איך נישט צי ביאַליק איז געווען גערעכט בנוגע די דערגרייכונגען פון מיין דיכטונג. וועגן דעם וועלן אַנדערע אורטיילן. אָבער עס איז פאַר מיר קיין ספק ניט, אַז ביאַליק איז לחלוטין געווען גערעכט וואָס איז שייך דער שטרעבונג מיינער אין דיכטונג און מיין בליק אויף דער אויפגאַבע פון דיכ־טונג. דיכטונג דאַרף דערגרונטעווען זיך צו די טונקלסטע פאַרבאָרגענישן און פון דאָרט אַרויסברענגען דעם לויטערסטן גאָלד פון אויסדרוק אין וואָרט.

משה רבינו איז באַשטראָפט געוואָרן ווייל ער האָט געשלאָגן דעם שטיין און נישט גערעדט צו אים, ווי גאָט האָט אים געבאָטן. דאָס שלאָגן דעם שטיין איז דער אויסדרוק פון דער סטיכיע אין דער שפּראַך פון דער סטיכיע; דאָס רייָדן צום שטיין איז דאָס באַוועלטיקן די סטיכיע דורך וואָרט, דורך לאָגאָס. דער אומגליק פון אונזער דור איז וואָס אָנשטאָט צו פאַרוואַנדלען די חיה אין אונז אין מענטשלעכקייט, פאַרוואַנדלט מען דעם מענטש אין אונז אין אַ חיה; אָנשטאָט צו פאַרוואַנדלען דעם שוואַרצן קויל, וואָס אין די טיפענישן פון די קוילן־גרובן, אין ליכט און וואַרעמקייט — פאַרוואַנדלט מען דאָס ליכט אין קויל און אַש.

דער וועג פון מיין דיכטונג ביז איצט איז געווען אַ שטענדיקער געראַנגל מיט די פאַרפּלאָנטערנישן וואָס אין מיר, כדי זיי אַרויסצוברענגען פון פינצ־טערניש צו ליכט. עס טרעפט אַז דאָס ליכט וואָס איך דערגיי צו אים פאַר־בלענדט מיך צופיל, קוקט מיר אויס צו זיין צו העל, דעמאָלט וואַרף איך זיך איבערלאָדן מיט גלוסטעניש צוריק אין תהום אַריין מיט מיין גאַנצן לייב און לעבן. אפשר וועל איך אַמאָל איינזינקען דאָרט און וועל זיך מער נישט צוריקקערן. אָבער דער פונק פון ליבע וואָס אין האַרצן זאָגט מיר אונטער, אַז דער ציל איז נישט דאָס זינקען אין דעם לאָקנדיקן פינצטערן תהום, דער ציל איז אַרויסצוברענגען פון דאָרט, ווי עס ברענגט אַרויס דער ים־טויכער, דעם ליכטיקן פערל פאַרן ברודער, פאַר אַלע מענטשן.

*

יוסף רובינשטיין

# זעאונגען

## פאַרנאַכט ביים ים

איך האָב געזען אַ מענטש וואָס האָט ביים ברעג פון ים געוויינט.
זיין פנים, אין די הענט, האָט ער אין הייסן זאַמד באַגראָבן.
דער ים האָט זיך געשווענקט, אַ פעלז געגליווערט האָט פאַרשטיינט
און מעוועס האָבן פינצטערע געטראָגן זיך ווי ראָבן.

איך האָב געזען, ווי זיין געוויין געצאַנקט האָט און פאַרשטומט.
די שקיעה אויף אַ כוואַליע־שפּיץ געלאָשן האָט איר גליען.
דער קאָפּ אין זאַמד האָט נאָך געצוקט. דער ים האָט שווער געברומט.
און איבער אים די מעוועס האָבן נאַכטיק־שוואַרץ געשריען.



## אַ בלייכע זון

אַ בלייכע זון אויף שכורע צעוויגטע כוואַליעס.
אַ פנים פון אַ מת, אַ מאַטע זון אָן גלאַנץ,
זי וויקלט זיך אַרום די וואַקלענדיקע טאַליעס
פון כוואַליעס שכורע, צעהוידעטע אין טאַנץ.

דער ווינט שפּילט אויס אַ וואַלץ אויף גראָבע סטרונעס
פון הענגענדיקע האַרפע־שטריק פון בריק.
אין אָרעמס שכורע אַ בלייכע, מאַטע זון איז,
וואָס טאַנצט צום טאַקט פון כוואַליעדיקן וויג.

## אין שפּעטע נעכט

אין שפּעטע נעכט, ווען ס'ווערט די גאַס פון טאָג־גערויש אַנטשוויגן,
גייט אויף צו מיר דער שטיינער־קלאָג אין גאָרן־ווענט פאַרקלעמט.
פון ערד־שיכטן פאַרשטיינערטע אַ בראשיתדיקן ניגון
גייט אויף צו מיר מיט ווייטן ברום דורך מויערדיקער פרעמד.

איך כאַפּ זיך אויף און הער אין נאַכט דעם שטומען קלאָג אָן טרערן.
ער שווימט פון אַלע ווענט אַרויס, פון שטיינערנעם געביין.
ס'איז שטיל און פינצטער, נאָר אין פענצטער פאַלן, טריפן שטערן,
ווי גרינע טרערן אוראַלטע פון קאָסמישן געוויין.

*

ישראל עמיאָט

# אויף אַלטע מאָטיוון

## ביימער רוישן

שמע: מלאך המות מקשקש באילנא...
(תלמוד)

סע רוישט דער טויט אין בוים
אַהינטער מיין פענסטער,
מיין לעצטע שעה,
די שענסטע.

כ'האָב געקענט שוין נישט זיין,
און בין אויף אַ רגע געבליבן,
צו הערן מיין לעצטע בענקשאַפט,
אין ווינט געטריבן.

פון מיין שיר השירים הינטער אַ בוים
וועט גאָרנישט בלייבן,
בלויז דער טרויער־מאַרש נאָך זיך
אַליין
אין רוישנדיקע צווייגן.

## צווישן ניגונים

קשה זיווגים להקב"ה...

בין איך פאַרבעטן אויף חתונות,
ביז שפּעט איז וואַך מיין זיבען,
זיינגען טענער זיך מזווג,
פאָרן זיך ניגונים...

ווי קינדער אין ווינט פאַרבלאָנדזשעט
אָן אַ טאַטע־מאַמע,
דו הערסט נאָר זייער וויטיק
אין אומעטיקן שטאַמלען.

נאָר אין נעפּלדיקן שטאַמל,
הערסטו אויך נישט זעלטן
די טריט פון זייער וואָגל
אין די ווייטע וועלטן.

שמחה לעוו

# יחידישע געשטאַלטן ביי מענדעלען

מענדעלע האָט על פי רוב געשילדערט דאָס אידישע כלל־לעבן און דעם כלל־איד. ער האָט אַ קליינע צאָל יחידים מיט אַן אייגענעם פרצוף־פנים, מיט אייגענע כאַראַקטער־שטריכן. זיי זיינען יחידישע געשטאַלטן. זיי האָבן אייגענע מעלות און אייגענע חסרונות. זיי זיינען באַווירקט פון דעם אַרום, אָבער זיי טיילן זיך אויס באַזונדער. זיי זיינען אויסגעשפּראָכענע יחידים. יצחק אַברהם תקיף פון „דאָס קליינע מענטשעלע“, ר׳ אַברהם מקבל און רייזע פון „ווינטשפינגערל“ און עטלעכע געשטאַלטן פון „שלמה ר׳ חיימס“ זיינען לכאורה אידן ווי אַלע אידן, און דאָך זיינען זיי אַנדערש. די אַנדערשקייט טיילט זיי אויס און מאַכט זיי פאַר יחידישע געשטאַלטן.

### דאָס קליינע מענטשעלע

אַז מענדעלע גייט שילדערן אַ יחידישן מענטשן, זוכט ער אַ התנצלות. וואָס הייסט מען פאַרנעמט זיך מיט ר׳ ישראל און מען פאַרגעסט כלל־ישראל? שרייבט ער אַ גרויסע הקדמה, דערציילט אויס וועגן זיך אַלע פרטים — „מה שמכם“ רופט עס מענדעלע. ווער איז דאָס דער ר׳ מענדעלע וואָס קומט דערציילן אַ מעשה וועגן אַ יחיד און מען דאַרף אים הערן? און „מה שמכם“ איז ביי אידן עפּעס מער ווי סתם אַ פראַגע. וואָס עפּעס דערציילן וועגן אַ יחיד צו אידן וואָס זיינען אַזוי איינגעטונקען אין צרות הכלל? שאַפט מענדעלע אַ סיטואַציע פון אַ מעשה שהיה און דורך דעם באַרעכטיקט ער זיין קומען צו אַ יחידישער געשטאַלט.

אין „דאָס קליינע מענטשעלע“ ברענגט מענדעלע אַרויס די געשטאַלט פון יצחק אַברהם תקיף דורך זיין ווידוי, ווען אַ מענטש קוקט אויף זיין לעבן אויף צוריקוועגס און וואַרפט זיינע שטראַלן אויף דער צוקונפט ווי זיין לעצטן וואונטש. דאָס איז אַ מעטאָד, ווען דער קינסטלער רוקט זיך אָפּ אָן אַ זייט און לאָזט זיין העלד דערציילן וועגן זיך, וועגן זיינע אינערלעכע איבערלעבונגען, זיין אויפנעמען דעם אַרום.

אַז מענדעלע האָט געוואָלט געבן אַן אויסוואורף, וואָס ווערט רייך דורך שווינדל און אָפּנאַרעריי, זוכט ער אַ באַרעכטיקונג פאַר דעם אין זיין לעבנס־ביאָגראַפיע.

יצחק אַברהם תקיף גייט באַוואוסטזיניק צו זיין ציל צו ווערן אַ קליין מענטשעלע. עס איז זיין חלום. מיט אַ פופציק יאָר פאַר פרוידן האָט מענדעלע זיך אויסגעבויט אַ „פרוידיאַנישע“ טעאָריע: אַ קינד, ווייט ניט קיין מפונק, וואָס מען קוקט זיך אויף אים ניט אום און איז ניט קיין אָנגעלייגטער אורה אין דער משפחה; זיין מאַמע די אַלמנה פליקט פעדערן, שלאָגט זיך אַרויס פון די כוחות אויף שפייזן אַ שטוב מיט קינדער און איר מיזיניק איז פאַר איר אַ יאָך, אַן איבעריקער באַלאַסט — אַז דאָס קינד ווערט קראַנק און די מאַמע בויגט זיך איבער אים אָן, ווייזט אים אַרויס ליבשאַפט בעת זיין קראַנק זיין, דערזעט דאָס קינד ביי איר אין די אויגן דאָס קליינע מענטשעלע. די מאַמע דערקלערט אים, אַז דאָס קליינע מענטשעלע איז די נשמה וואָס אין מענטשן. אָט דער מאָמענט איז דעצידירנדיק פאַרן ווייטערדיקן גאַנג פון דעם קינד



ווען עס וואַקסט אויס. עס ווערט אַ שטרעבונג ביים קינד צו ווערן אַ קליין מענטשעלע.

אמת, אין דעם איז פאַראַן אַ מענדעלע־סאַטירע. עס איז אַ וואָרט־שפּיל פון דעם קליין מענטשעלע פון דעם שוואַרצאַפּל פון אויג, ביז דעם קליין מענטשעלע ווי אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג — דאָס קליינע מענטשעלע וואָס רייבט זיך ביים פעטן שיסל פון קהל. אָבער די עצם שטרעבונג צום קליין מענטשעלע וואָס אין שוואַרצאַפּל פון אויג ביז דער פאַרווירקלעכונג פון ווערן אַ קליין מענטשעלע און אַ תקיף — איז פאַראַן אין דעם אַ פאַר־לויפערישקייט פון פסיכאָלאָגישער אַריינדרינגונג אין די פּראָצעסן וואָס פורע־מען דעם מענטשן דורך זיינע איבערלעבונגען אין קינדהייט. דאָס איז דער קינסטלערישער חוש וואָס פילט אַרויס בלא יודעים פסיכאָלאָגישע ווירקונגען. דערמיט אַליין טיילט מענדעלע אויס יצחק אַברהמען ווי אַ יחידישן טיפּ, וואָס זיין לעבן איז אויף אַ באַזונדערן אופן געפורעמט. כאָטש זיינע קרומ־קייטן שטאַמען פון די באַדינגונגען אין דער סביבה, שטאַמט זיין תקיפות פון אַנדערע מקורות. זי נעסטיקט אין אים אַליין.

די „תורה“ צו ווערן אַ קליין מענטשעלע לערנט זיך יצחק אַברהם תקיף אויס גאָר שנעל. ער ווערט אַ משרת ביי איסר ווערגער מיט דער כוונה צו „נעמען אים אין אַרענדע“, פונקט ווי איסר ווערגער האַלט דעם גביר אין אַרענדע כדי צו מעלקן קהל. און אַז ער ווערט אַ קליין מענטשעלע באַזייטיקט ער אַלע שטערונגען כדי צו ווערן אַ ריכטיק קליין מענטשעלע. אַז יצחק אַברהם פאַרליבט זיך אין אַ מיידל און איר חתן שטערט אים, באַזאָרגט ער דורך איסר ווערגער אַז מען זאָל דעם בחור אַ כאַפּ טאָן און אָפּגעבן אין סאָלדאַטן (ס׳איז די צייט פון דער קאַנטאָניסטן־גזירה פון ניקאָלאַי דעם ערשטן). אַז ער האָט מיט איר חתונה, וואַרפט ער זי אַוועק בשעת זי איז מעוברת, כדי חתונה צו האָבן מיט אַ מיידל וואָס קען אים העלפן פאַנאַנדער־נעמען די הענט און ווערן שטיין־רייך. יצחק אַברהם צעטרעט אַלץ וואָס עס שטייט אים אין וועג אויף צו דערגרייכן זיין ציל.

מענדעלע, געטריי זיין מעטאָד פון כלל־שילדערונג, נויגט זיך אָפּ פון דעם סיפּור המעשה כדי צו שילדערן די גרופּע בעלי טאַקסעס וואָס זיצן ביים רב און הערן אויס דעם ווידוי. אויף דעם אופן שילדערט ער די סביבה וואו אַזעלכע יצחק אַברהמס קענען געפינען אַ באָדן פאַר זיך. אָבער דורך דעם סיפּור המעשה דערזעען מיר אין יצחק אַברהם אַ תקיף וואָס טיילט זיך אויס פון דעם כלל תקיפים.

מענדעלע באַנוגנט זיך ניט מיט בלויז פּסיכאָלאָגישע באַגרינדונגען, ער גיט די באַדינגונגען וואָס האָבן געפורעמט יצחק אַברהמען. ער איז פון קינד־ווייז אָן דער קרבן פון שטאַרקערע פון אים. אין תלמוד־תורה איז ער דאָס־כפרה־הינדל פאַר די זינד פון אַ אינגל וואָס דער רבי האָט מורא אים צו שלאָגן. ווען ער דינט אין אַ קלייט פון צעלניק טרייבט מען אים אַרויס צוליב די גנבות פון דעם הויפּט־משרת. אַלס באַהעלפער ביי אַ דרדקי־מלמד וואַרפט מען אויף אים די שולד ווען דער מלמד צעממיתט אַ קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן. אַלס משורר ביי אַ חזן ווערט ער פאַרטריבן ווייל ער זאָגט דעם חזן דעם אמת. דאָס שווערע לעבן פורעמט דעם כאַראַקטער פון דעם קומענדיקן תקיף. אַז מענדעלע גיט אַ אידן וואָס איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, גיט ער אַ צונאַמענלויף פון געשעענישן וואָס מאַכן פאַרשטענדלעך זיין אַראָפּגיין פון

דרך הישר. אַ איד זאָל ווערן אַ יצחק אַברהם, דאַרף דאָס לעבן זיין זייער „שטיף־טאַטיש" צו אים, ווייל אַ איד האָט אין זיך בדרך הטבע נאַטירלעכע פיינקייט און מענטשלעכקייט. אין מענדעלעס ווערטער:

„כפי עס זעט אויס בין איך אַפּנים פון דער נאַטור אויך ניט געווען אַזוי גראָב שלעכט, ניט מער איך בין געווען פאַרפירט. די צרות וואָס איך בין אַמאָל אויסגעשטאַנען פון דער וועלט האָט מיר פאַרשטאָפּט דאָס האַרץ און מיך געמאַכט שלעכט".

דווקא דערפאַר וואָס „דאָס קליינע מענטשעלע" איז בעיקר אַ משכּילישע דעקלאַראַציע מיט אָנצייכענען אַ פּראָגראַם פאַר אַ דערציערישער רעפאָרם, וואָס אירע יסודות זיינען ראַציאָנאַלע אויסבילדונג, לערנען אידישע און אַלגע־מיינע לימודים, שאַפן אַ נעץ פון פאַך־שולן פאַר אידישע לערן־אינגלעך און פּטור ווערן פון שיקן זיי אויף דער לער צו בעלי־מלאָכות וואָס קענען אַליין ניט ווי געהעריק זייער פאַך — דווקא דערפאַר ווערט בולטער מענדעלעס קינסט־לערישער חוש. די משכּילישע כּוונות זיינען האָבן ניט פאַרטונקלט זיין אויג און ניט „פאַרשטאָפּט" זיין האַרץ. ווען מענדעלע שילדערט אָבער אַ משכּיל לייגט ער אים צו אַ הכרעה פון מעלות טובות. עס שוויגט דעמאָלט מענדעלע דער קינסטלער און עס רעדט אַבראַמאָוויטש דער משכּיל:

„גוטמאַן (דער משכּיל) איז כּ׳לעבן אויך אַ צדיק, אַ גוטער אַ טייערער מענטש, כאָטש ער גייט אָן אַ היטל און צוגעפוצט די באָרד".

דאָס באַנוצן דאָס וואָרט צדיק פאַר גוטמאַנען, אַ וואָרט וואָס איז ביי די משכּילים געווען די פאַרקערפּערונג פון אַלדאָס בייז, פון חסידישער פינצטער־קייט — ווייזט, אַז מענדעלע האָט געזוכט אַ בריק צווישן דעם טראַדיציאָנעלן אידן און דעם אויפקלערערישן משכּיל, אַ פאַרבינדונג צווישן נעכטן און היינט.

כאָטש „דאָס קליינע מענטשעלע" האָט משכּילישע כּוונות, איז יצחק אַברהם תקיף אַ יחידישע געשטאַלט. זיין שלאָגן זיך על־חטא איז משכּיליש, זיין גורל אָבער איז יחידיש.

## דאָס ווינטשפינגערל

הערשעלע, דער הויפּט־העלד פון „ווינטשפינגערל", איז אין תוך אַ כּלל־טיפּ. אַלע קינדערשע איינפאַלן הערשעלעס זיינען שטיפערייען פון אידישע קינדער בכלל. ער טיילט זיך ניט אויס פון אַלע אַנדערע קינדער. עס איז דערפאַר פאַרשטענדלעך מענדעלעס ווידמונג — „אַ מתנה פאַר די ליבע אידישע קינדער". עס זיינען אין דעם בוך פאַראַן אַ גאַלערייע פון קינדער, הערשעלע, משה יאָסעלע, משהלע און אַנדערע. עס זיינען קינדער סתם און הערשעלע איז על־כּן אַ שם הכּולל. ער באַצייכנט אַ גרופּע. ער איז אַ כּלל־טיפּ.

צוויי געשטאַלטן זיינען פאַראַן אין „ווינטשפינגערל", וואָס זיי זיינען ניט קיין שם הכּולל. זיי זיינען אינדיווידועלע געשטאַלטן. דאָס זיינען רייזע די בעל־אַכסניאַטע און אַברהם דער מקבל.

מענדעלע האָט געוואוסט, אַז מיט אויסערלעכע סימנים פון דעם העלד וואָס מען שילדערט דערגרייכט מען נישט דעם קינסטלערישן ציל. ער האָט שטענדיק געזוכט מצמצם צו זיין אין אויסערלעכע שילדערונגען. ער האָט געוואוסט אַז שילדערן מוז מען אַ מענטשן פון אינעווייניק דורך געבן זיינע האַנדלונגען און דעם רעזולטאַט פון די האַנדלונגען.

„וואָס וועט אייך אַרויסקומען — שרייבט מענדעלע — אַז איר וועט שוין וויסן אַז מיין שטערן איז אַ הויכער מיט אַ סך קנייטשן, אַז מיינע נאָזלעכער זיינען גרויסע... אַז איך קוק מאַך איך דערביי צו אַביסל די אויגן ווי אַ קורצזיכטיקער, און אַז איך פאַרצי די ליפּן זעט עס אויס ווי איך שמייכל מיט אַ שטעכיק געלעכטערל... — ווייל דער שכל



איז דאָך טאַקע, נאַט אייך פרימעטעס (באַשרייבונג פון געזיכט־שטריכן) און ווייסט פאָרט ניט וואָס פאַר אַ פּנים איך האָב".

דערפאַר טאַקע טרעפן מיר זייער זעלטן ביי מענדעלען אַז ער זאָל שילדערן דעם אויסערלעכן אויסזען פון זיינע העלדן. אָבער בנוגע רייזע דער בעל־אַכסניאַטע מאַכט מענדעלע אַן אויסנאַם און ער שילדערט מיט פּרטי־פּרטים ווי זי האָט אויסגעזען.

„רייזע איז אַ קורצע, דיקע, ברייטבייכיקע אידענע, שוין אין די יאָרן, מיט אַ געשטופּלט פּנים וואָס איז שטענדיק פאַרשוויצט און מיט אַ צוויי־גאָרנדיקן גורדערל; אַ שנ־רל שיטערע הערלעך ציט זיך איר אויף דער אויבערשטער ליפּ, וואָס פאַר־ייסט ביי דער רעכטער באַק אַרויף" וכולו.

איז דאָך די קשיא, צוליב וואָס איז מענדעלע אין דעם פאַל אַוועק פון זיין שטייגער שרייבן און האָט געשילדערט רייזען מיט אַ סך אויסערלעכע איינצלהייטן און געשאַפן אַ קאַריקאַטור? דער תירוץ איז: מענדעלע לאָזט אונז הערן, אַז די רייזע איז ניט קיין כּלל־טיפּ. זי איז אַ מענטש מיט אייגענע כאַראַקטער שטריכן, מיט אַן אייגן געשטאַלט, אַ מענטש פאַר זיך. אַ ים פון גוטסקייט האָט אָט־די „דיקע, ברייטבייכיקע" אידענע. מיטן אָנשטעל פון בייזקייט, פון „הען אַביסל, וואָס זאָגסטו צו זיין טאַטע?" און ווי —

„דער שטייגער אירער ביים ריידן אָנצובויגן אָפּטערכ דעם קאָפּ אין דער זייט און אַ פּאָר טאָן מיטן שפּיץ נאָז איבער דעם אַרבל טאַקע אַ וויש אויף דער לענג פון אָרעם" — האָט רייזע געקענט דרייען דעם דישל אַהין און אַהער, כּדי צו טרייסטן מענטשן, מאַכן זיי גרינגער. ווען הערשעלעס טאַטע פאָרט אַוועק און זי מיינט, אַז הערשעלע פאָרט־מיט מיטן טאַטן, מאַכט זי אַ טאַראַראַם, וואָס דער טאַטע איז אָנגעפּעלצט, אַרומגעוויקלט דעם האַלז, און דאָס קינד איז ניט אַזוי גוט פאַרזען מיט וואַרעמע בגדים. און אַז זי דערוויסט זיך אַז דער טאַטע פאָרט און דער זון בלייבט, צעגוואַלדעוועט זי זיך:

„— הען אַביסל! אַליין פאָרט מען און מען לאָזט איבער אַ קינד אויף הפקר? הען אַביסל! נאַקעט מיט אַ הויל האַרץ אינדרויסן? וואָס זאָגסטו צו זיין טאַטן? מען באַדאַרף האָבן טאַקע אַ האַרץ פון אַ טאַטער".

און אַז די פור פאָרט אַוועק און הערשעלע וויינט פון בענקעניש און פאַרלוירנ־קייט, דרייט רייזע דעם דישל אויף צוריק:

„— האַ, וואָס איז דאָ צו וויינען? אַז אַ טאַטע פאָרט אַוועק, הען אַביסל, נו, איז וואָס? חלילה ניט געשטאָרבן. נאַ, בעסער — נעמט זי און שטופּט אים אַריין אין דער האַנט אַן אַלט לייבל — נעם און טראָג געזונט!"

אונטער אַ מאַסקע פון בייזקייט איז זי פול מיט רחמים. מיט דער געשיל־דערטער קאַריקאַטור שטרייכט מענדעלע אונטער, אַז אויסערלעכקייט כאַ־ראַקטעריזירט ניט דעם מענטשן. דער מענטש איז וואָס ער איז אין זיינע מעשׂים, און ניט ווי ער קוקט אויס. והא ראיה רייזע. זי איז דווקא ביי אים דער אידעאַל פון מענטשלעכקייט. האָט מענדעלע זי געשילדערט ווי אַ קאַרי־קאַטור, כּדי בולטער צו מאַכן איר אינערלעכע מענטשלעכקייט.

רייזע איז אַ פאָרבילד פון בריינע דער קעכין ביי שלום עליכמען, פּונקט ווי הערשעלע איז אַ פאָרלויפער פון מאָטל פּייסי דעם חזנס, כאָטש ביי שלום עליכמען איז מאָטל נישט קיין כּלל־טיפּ.

אַ צווייטע אינדיווידועלע געשטאַלט אין „ווינטשפינגערל" איז ר׳ אַברהם מקבל. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין אויסגעאיידלטקייט, מיט זיין אָפּגעהיט־קייט אין הלבשה, און מיט זיין צוגעלאָזנקייט צו מענטשן. דאָס וואָרט „שקאָץ"

איז ביי אים געווען אַ סימן פון ליבשאַפט. ער איז ניט געווען קיין שאַרפער למדן. ער האָט געלערנט עין יעקב, מדרש, „געזופט זוהר ווי וואַסער אָפּצו־פרישן זיך מיט די ווערטער אַליין". ר׳ אַברהם איז די תמימות אַליין. ער זאָגט צו הערשעלעס טאַטן צו זאָרגן פאַר הערשעלען, שאַפט פאַר אים „טעג", איז צוגעבונדן צום קינד ווי נאָר ר׳ אַברהם קען. ער איז ניט סתם אַ מקבל, ער איז ר׳ אַברהם — אַ איד אָן אַ גאַל. דווקא ר׳ אַברהמס תמימות פירט שיר ניט אַריין הערשעלען אין אַן אומגליק, און הערשעלעס חבר משהלע פאַלט טאַקע אין דעם אומגליק אַריין. עס קומט אַ איד זאָגן קדיש און דאַוונען ביים עמוד, ווייל ער האָט, זאָגט ער, יאָרצייט און בינו לבינו פאַרפירט ער הערשעלען כלומרשט ווי אַ וואוילערנער וואָס זאָל לערנען מיט זיין רייכן שותפס אינגל צוזאַמען, מיטן רמז אַז אפשר וועט טאַקע הערשעלע ווערן אַן אידעם פון דעם רייכן שותף. ווער קען עס קלערן אַז דער איד איז גאָר אַ כאַפּער? אַז הערשעלע גייט אַוועק און זאַמט זיך, ווערט אומרואיק ר׳ אַברהם, און מענדעלע שילדערט ר׳ אַברהמס געמיט:

„ר׳ אַברהם האָט באַלד נאָך הערשעלעס אַוועקגיין גענומען זאָגן זוהר מיט ברען אויף אַ ניגון... ער האָט געזופט זוהר מיט אַפּעטיט און מען האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי עס קומט אים צו דערפון חיות אַ סך מער ווי אַן אַנדערן פון אַ גלעזל קאַווע מיט פּוטער־געבעקסלעך צו פרישטיק... ר׳ אַברהמס פרישטיק איז אַלע טאָג באַשטאַנען פון אַ טרוקן שטיקל משניות, עטלעכע געשמאַקע הגדתות מיט אַ זופּ זוהר פאַרביסן... אַ היפּשע צייט איז ער אַזוי פאַרטיפט געווען אין זאָגן... דערנאָך האָט זיך אים געענדערט דאָס קול אַלץ נידעריקער און נידעריקער... ער האָט געטאָן אַ זיפץ, געגלעט די באָרד, דעם שטערן, געקוקט... אין דעם אָפּענעם פענצטער: — וואָס באַדייט עס?... פאַרוואָס זאַמט זיך הערשעלע?"

ניט געקוקט אויף דער גאַנצער קונדייסישקייט פון דער שילדערונג מיטן פאַרגלייכן דעם זוהר מיט פּוטער־בולקעס איז פאַראַן הינטער דעם אַ שטימונג פון פאַרדאַכט און אומרואיקייט. עס איז דאָ וועגן שרעק אַפילו ניט דערמאָנט קיין איין וואָרט, אָבער די שרעק איז פאַראַן צווישן די שורות. עס איז פאַראַן אַן אינעווייניקסטער פחד אין דער שילדערונג.

משהלעס אַריינפאַלן צו די כאַפּערס מאַכט ניט אויף ר׳ אַברהם מקבל דעם דערשיטערנדיקן איינדרוק וואָס הערשעלעס פאַרזאַמען זיך. הערשעלע איז אַ יתום, איז די השגחה אויף אים ר׳ אַברהמס פליכט. משהלע האָט אַ טאַטן, איז שוין די התחייבות ניט אויף ר׳ אַברהמען. דערצו האָט ר׳ אַברהם געגעבן אַ צוזאָג דעם פאַרשטאָרבענעם טאַטן הערשעלעס אַז ער וועט אויף זיין אינגל אַכטונג געבן, און ער פילט אַז ער איז ניט געווען גענוג פאָרזיכטיק.

„ר׳ אַברהם... טוט זיך אַ וואָרף אויפן בענקל, פאַרדעקט מיט ביידע הענט דאָס פנים און בלייבט זיצן שטיל, שטום ווי די וואַנט", ווען ער קומט צו רייזען און דערוויסט זיך אַז הערשעלע איז דאָרט ניטאָ. און ווייל רייזע זאָגט אים „ווי טאָר מען, הען אַביסל, זיך אַזוי נעמען צום האַרצן!" — פילט מען די גאַנצע פאַרלוירנקייט ר׳ אַברהמס. און אַז הערשעלע זוכט זיך אָפּ ווערט ר׳ אַברהם געטרייסט, כאָטש משהלע פאַלט אַ קרבן פון די כאַפּערס. הערשעלע, דער יתום — אים מוז ער אָפּהיטן און שיצן.

ר׳ אַברהם מקבל האָט אַזוי אַרום אויך אידישע כלל־שטריכן, אָבער זיין תמימות און זיין אײדלקייט זיינען זיינע אינדיווידועלע שטריכן וואָס נעמען אים אַרויס פון כלל מקבלים און מאַכן אים פאַר אַ יחיד מיט אַן אויסגעשפּראָכענעם אייגענעם פנים.



שלמה ר׳ חיימס

אין „שלמה ר׳ חיימס" איז פאַראַן אַ גאַנצע גרופּע יחידישע טיפּן. דער בולטסטער צווישן זיי איז ר׳ חיים אַליין. ר׳ חיימס שטוב איז ווי אַלע אידישע הייזער מיטן זעלבן גאַניק ווי אַלע גאַניקעס און מיטן זעלביקן פאָרהויז. דער פראָנט איז אָבער „אָפּגעטינקעוועט, ווייס אָפּגעשמירט אויף דער גאַס אַרויס". אָט דער פרט טיילט אויס ר׳ חיימס הויז, אָבער עס טיילט באַלד אויך אויס ר׳ חיימען פון כלל אידן אין שטעטל. זאַכן ווערן אַמאָל אַ טייל פון אונזער עמאָציאָנעלן לעבן. אַ בשמים־ביקסל וואָס שטאַמט פון עלטער־זיידן טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון עלטער־זיידן. עס איז ניט די פראַגע פון זיין ווערט. עס איז עמאָציאָנעלע שייכות. די עמאָציאָנעלע שייכותן ברענגט מענדעלע אַרויס דורכן פרט פון דער אָפּגעטינקעוועטער פראָנט־וואַנט.

ר׳ חיים איז אַן עוסק בצרכי ציבור, אָבער ער איז נישט קיין קהלשע קליאַמקע. חיונה ציט ער פון זיינע מסחרים. עס טרעפט זיך אַז ער האָט אַ חלק אין דער קאַראָבקע. אָבער ער איז נישט קיין „בעל טאַקסע". זיינע קינדער דערציט ער ווי אַלע אידן, זיי גייען אין חדר. אָבער אַז די תורה לאָזט זיך אויס ביי די מלמדים פאַר זיינע קינדער, לערנט ער אַליין מיט זיי. מען פאַרגיט די קינדער „אַ לערנען פאַר זיך" — אַ בלאַט גמרא מיט תוספות און מהרש״א און מען הערט זיי אויס אַמאָל בייטאָג, אַמאָל ביינאַכט, ווי דעם טאַטן קומט אויס.

„גאָר אַמאָל פלעגט דער טאַטע אויפוועקן שלמהלען פאַרטאָג אויך און אַוועקגיין מיט אים לערנען אין קלויז... דאָס אויף־זיין, דאָס גיין אין קלויז, דאָס לערנען, האָט אים גרויס פאַרגעניגן געמאַכט. ווער עס איז אַ איד, אַ איד מיטן פּינטעלע, דער קען פילן דעם טעם פון אַזאַ פאַרגעניגן".

ר׳ חיים איז אַ איד מיט אייגענע איינפאַלן. עס איז ביי אים אַן אָפענע שטוב. אַלע כלל־עניִים ווערן דאָרט אָפּגעמאַכט, אָבער ר׳ חיים האָט דערפון ניט קיין טובת־הנאה פאַר זיך. פאַרזאָרגן צרכי ציבור ליגט אים אין בלוט. ער טראַכט עס צו די „נאַפּאָלעאָנישע היטל", ווען עס קומט די גזירה אַז אידן זאָלן טראָגן היטלען מיט דאַשיקעס. ער מאַכט דעם דאַשעק פון קאָרט עס זאָל נישט גלאַנצן. אויסגעפאָלגט די גזירה און דאָך געבליבן אידישלעך. ר׳ חיים איז, ווי מענדעלע שילדערט אים, די פאַרקערפּערונג פון תורה און גדולה צוזאַמען.

ווי קלאָר צו מאַכן די ר׳ חיים געשטאַלט האָט מענדעלע געשילדערט זיין ווייב שרה, וואָס איז אַ פאָרזאָגערקע פאַר די ווייבער אין שול, אַ וואוילגע־לערנטע. זי מעסט קברים און זי מאַכט נשמה־ליכט אין די עשרת ימי תשובה. ביים אַריינציען די פעדעם אין די ליכט זאָגט זי אַ תחינה וואָס איז דורכגע־דרונגען מיט ליבע צום מאַן, צו משפחה, צו כלל־ישראל און אַפילו צו מענטשן בכלל. מענדעלע זאָגט אויף איר, אַז —

„איר לייענען איז געווען מיט געפיל, איר ניגונדל דערביי האָט גערירט, געצופּט ביי דער נשמה, אַ שטיין אַפילו וואָלט פון אירע טרערן אויך צעגאַסן געוואָרן".

אין איר תחינה איז פאַראַן אַזאַ מין זאַץ:

„בזכות שלמה, וואָס האָט געבויט דעם בית המקדש און תפילה געטאָן, ווען אַפילו ניט קיין איד, אַ פרעמדער גאָר פון אַן אַנדער אומה, אַז ער וועט קומען אין בית המקדש אַריין און דיך בעטן, זאָל זיין געבעט אויך אָנגענומען ווערן..."

שרה איז דער אמתער עזר כנגדו פון ר׳ חיים. אַזוי ווי ר׳ חיימס שטוב איז אָפן פאַר די מענער איז שרהס שטוב אָפן פאַר די ווייבער. שכנות

קומען באַרגן ביי איר אַ זשאַריענדיקע קויל אויף אויפבלאָזן פייער, אַ טעפּל, פרעגן אַן עצה. עס איז אַ מוסטער־שטוב און אַ מוסטער־משפּחה.

פונקט ווי אין „ווינטשפינגערל" האָט מענדעלע אַרויסגעפירט אַ פרויען־געשטאַלט פון גאָלע גוטסקייט — רייזע דער בעל־אַכסניאטע — פונקט אַזוי האָט ער אין „שלמה ר' חיימס" געגעבן די פרוי וואָס איז איר פולשטענדיקער היפּך: יאַכנע סאָסיע, אָדער די לייבציכע. עס איז אַ פרוי וואָס איז פול מיט מעשות ווי אַ מילגרוים, אַ באַריידערקע. איר אויג איז אָפן אויף זען חסרונות ביי יענעם. אַליין איז זי זייער גיריק. זי איז גרייט אַרויסצוכאַפּן אַ מציאה אַפילו ביי שרהן וואָס זי קומט צו איר אַלע טאָג נאָך אַ טובה. און זי קומט צו איר אויף צומאָרגנס מיט אַ מינעלע ווי עס וואָלט גאָרניט געווען. דאָס שטעטל איז פול מיט דער לייבציכע און די לייבציכע איז פול מיט לשון הרע.

„לייבציכע האָט מיט איר מיילכל פאַרגעשטעלט די ווייבערישע תּאווה צו ריידן און באַריידן, ניט אויסצולאָזן קיינעם און קיין זאַך אין דער וועלט".

צוויי האָרעפּאַשנע טיפּן זיינען פאַראַן אין „שלמה ר' חיימס": אייזיק דער שמיד און הערצל סטאָליער. ביידע זיינען ביי מענדעלען דערוואַקסענע קינדער.

הערצל קיילים (הערצל סטאָלער) איז אַ קינסטלער. דער פאַרדינסט פון סטאָלעריי איז ביי אים לאו דווקא, דער עיקר איז די שניצעריי. ער זייט און פלאַנצט, ער שפּילט אַפילו פידל, האַלט קי און אַן אָקס אויך, און אַפילו אַ הונט. ער איז „ניט געווען לייטן גלייך ווי ביי אַנדערע אידן". אים האָט מען מוחל געווען וואָס ער איז ניט געגאַנגען אין שול און האָט אָפט פאַרפעלט אַ דאַווענען, ווייל „ער איז פאַררעכנט געווען ביי איטלעכן פאַר אַ אינגל, אַ צעטראָגענע מין בריאה".

סיי אייזיק דער שמיד און סיי הערצל קיילעס זיינען קנאַפּ געשילדערט, אַזוי אויך דאָס קינד, שלמהלע. מענדעלע האָט דאָס ווערק ניט פאַרענדיקט און ניט באַוויזן די טיפּן צו פאַנאַנדערוויקלען. דער „לויט ווי עס וויזט זיך שפּעטער אַרויס" איז קיינמאָל ניט דערשריבן געוואָרן.

אין „שלמה ר' חיימס" האָט מענדעלע געמאַכט אַ פּרואוו צו שילדערן מאַסן־סצענעס. מען דאַרף אונטערשיידן צווישן כלל־טיפּן און מאַסן־טיפּן. אַ כלל־טיפּ איז אַ יחיד וואָס ניט אים איז מען אויסן. ער איז אַ שם הכולל פאַר אַ סך פון זיין מין. מאַסן־טיפּן זיינען יחידישע געשטאַלטן וואָס ווערן אָפּגעריבן ווייל זיי קומען אין גרופּן. דער וואַלד פאַרשטעלט דיביימער. אַזאַ איז די סצענע פון זיצן שבת נחמו „אויף דער לאַנגער נידעריקער באַנק דאָרט פאַר דער שטוב". עס איז דאָרט פאַראַן אַ געדיכטער צוזאַמענטרעף פון שכנות, יעדע מיט אייגענע זאָרגן, אייגענע אומגליקן און אייגענע פריידן. איין פרוי איז ניט גלייך צו דער צווייטער, אָבער צוזאַמען איז דאָס אַ אידישע אַסיפה פון ווייבער.

„שלמה ר' חיימס" איז מענדעלעס שיר השירים. די קאַמפּן זיינען איינגע־שטילט. מענדעלע זאַמלט איין אין דעם בוך אַלע שיינקייטן פון אידישן שטייגער, די טיפע מענטשלעכקייט פון אידן. און כה אָמר ר' מענדעלע:

„אַהער ליכט, אַהער אַ סך אַזעלכע ריינע נשמות! אַ סך אַהער אַזעלכע ברענענדיקע געפילן, ריינע האַרצלעכע ווערטער, הייסע טרערן, געבעט און ליבשאַפט צו תורה און חכמה, ליבשאַפט צו מענטשן, צו אַ גאַנצער וועלט מענטשן! און דאָס אַלצדינג ביי וועמען איז עס? ביי אידענעס, ביי פּראָסטע אידענעס!"

מיר האָבן ניט זוכה געווען צו האָבן מענדעלעס גאַנצן שיר השירים, אָבער אַ טייל שיר השירים איז אויך שיר השירים.



חיים לייב פוקס .

# וואָס קען איך זאָגן צום ים?

וואָס קען איך זאָגן צום ים,
איך, דער קליינער בן־אדם?
איך בליק צו דיר און שפּיגל אָפּ
אין דיינע וועלן מיין פּנים.
דער פאַרנאַכט נידערט פייערדיק־רויט
און ברענגט מיר אויף סמנים —
פון ערשטער שעה, וואָס איז איצט דאָ,
דו — און גאָט — פּנים לפּנים.

וואָס קען איך זאָגן צום ים,
אין שעה פון רעש און שטורעם?
זאָלן עס איצטער די וועלן וועלן
אַרויס צו ערדישע שוועלן?
שרייען זיי דערפאַר און וויינען,
הער איך עס איצטער אין מיר זייער טענה:
— מיר ווילן זיין ווידער אַליין נאָר,
מיט גאָט. אָן דיר, וואָס טראָגסט זיין לבוש, זיין פורעם.

וואָס קען איך זאָגן צום ים?
איך פאַרשטיי נישט זיין לשון.
איך ווייס נאָר מיין טאָג גייט אַוועק,
ווערט אויף אייביק פאַרלאָשן.
אָבער דו, דו ים, בלייבסט ווידער מיט גאָט
ווי אין שעה פון ערשטן באַשאַפן —
איז וואָס־זשע קען איך שוין זאָגן צו דיר?
סיידן בלויז שטוינען און גאַפן.
איך, פון בלוט און פלייש אַ בן־אדם,
וואָס ציטערט אין פּחד אַז ס'וועלן
די וועלן אָפּמעקן מיין פּנים,
ווי ס'מעקט־אָפּ דאָ איצטער די נאַכט
מיין טאָג, וואָס איז אויף תמיד אַוועק
אין טויטן־טאָל פון די טעג
און קומט מער נישט צוריק צו מיר,
ווי גאָטס טאָג קומט תמיד צוריק צו דיר. —
ים!

י. מעצקער

# שפּעט אין דער נאַכט

(פראַגמענט)

שפּעט אין דער נאַכט איז פּיט מאָרעטי, אין זיין אַלטן אויטאָמאָביל, מיט אַ שטאַרקן געוויש פאַרפאָרן לעבן סעינט מערי שפּיטאָל, וואָס איז געשטאַנען אין דער זייט פון שטעטל, אַרומגענומען מיט יונג־זומערדיקער גרינקייט. דאָס האָט ער, מיט דער הילף פון זיין שוויגער מיסעס ברוידי, געבראַכט אין שפּיטאָל אַריין זיין יונג ווייבל אסתּר, וואָס איז געגאַנגען צו קינד.

פּיט האָט ניט פאַרלוירן קיין צייט, נאָר באַלד ווי ער האָט אָפּגעשטעלט דעם מאָטאָר אַ כאַפּ געטאָן די דריבנע צוויי־און־צוואַנציק יעריקע אסתּר אויף די הענט און זי אַרויפגעטראָגן די עטלעכע צענדליק טרעפּ צום שפּיטאָל. אסתּר האָט געטוליעט איר חנעוודיק בלאַס פּנים צו זיין ברוסט, אים פאַרזיכערט, אַז זי איז גאַנץ רואיק און שרעקט זיך ניט פאַר דעם, וואָס עס דערוואַרט זי.

די שווער־לייביקע מיסעס ברוידי, וואָס האָט געהאַט געשוואָלענע פיס, האָט ניט געקענט נאָכהאַלטן איר איידעם ביים אַרויפגיין די טרעפּ צום שפּיטאָל. האָט קוים געהויבן אירע שווערע פיס און נאָך יעדע פּאָר טרעפּ געמוזט בלייבן שטיין אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם. ווען זי איז ענדלעך אַריינגעקומען אין שפּיטאָל איז איר טאָכטער שוין געווען הינטער פאַרמאַכטע טירן און פּיט האָט אַרומגעשפּאַנט אין קאָרידאָר.

מיסעס ברוידי האָט זיך אַרומגעקוקט און ס׳ערשטע האָט זי דערזען די איקאָנעס און צלמים, וואָס זיינען דאָרט געהאָנגען אויף די ווענט. עס האָט זי אַרומגענומען אַן אומהיימלעכקייט און זי איז אויף אַ מינוט געבליבן שטיין ווי אַ פאַרלוירענע. זי איז געווען שטאַרק מיד און געהאַט אַ שלעכטן טעם אין מויל. זי האָט איצט, אין דער שפּעטער נאַכט, אויסגעזען אַ סך עלטער פון אירע צוויי־און־זעכציק יאָר. איר „פּוירמאַנענט" אויף איר בלוילעך־גרויען קאָפּ האָר האָט זיך ווי ניט געפּאַסט צו איר פאַרגעלט און פאַרזאָרגט פּנים און צו די קנייטשלעך אַרום אירע וואַסערדיקע אויגן.

זי האָט ווי איר איידעם זיך געהאַלטן גאָר נאָענט לעבן די פאַרמאַכטע טירן און אומגעדולדיק געוואַרט עפּעס צו הערן. זי האָט זיך געשאַרט לעבן די ווענט און אַ ברוגזע געהאַט טענות צו פּיטן פאַרוואָס ער געפינט ניט אויס ווי ס׳האַלט דאָרט מיט אסתּרן. עס האָט זי איצט אויפסניי גענומען עסן דער פאַרדרוס פאַרוואָס דאָס האָט גראָד זי באַדאַרפט טרעפן. ניט נאָר זי, די מאַמע, נאָר אַלע אין שטעטל, וואָס האָבן געקענט אסתּרן, האָבן זי געהאַלטן פאַר אַ קלוגע און פאַר אַ געראָטענע און מען האָט געמיינט ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שידוך זי וועט עס טאָן מיט זיך. עס האָבן זיך געדרייט אַרום איר טאָכטער גענוג לייטישע אידישע בחורים, אָבער זי האָט זיך גאָר איינגעליבט אין דעם זון פון זייערע אַמאָליקע איטאַליענישע שכנים, וואָס האָבן געהאַנדלט מיט גרינצייג און לעצטן זומער האָט זי געכאַפּט און אין געהיים מיט אים חתונה געהאַט.

אַ מיידל אין ווייסן איז אַרויסגעקומען פון הינטער די פאַרמאַכטע טירן און געלאָזט וויסן פּיטן אַז די געבורט־ווייען האָבן אסתּרן נאָכגעלאָזט, אַז זי איז דערווייל איינגעשלאָפן און אַז עס קען נאָך גאָר לאַנג דויערן ביז זי וועט איבערקומען. פּיט האָט דאָס איבערגעגעבן זיין שוויגער. ער האָט געזען, אַז זי איז מיד און צערודערט און ער האָט איר פאָרגעלייגט, אַז זי זאָל מיט



אים צופאָרן צו זיין מאַמען, וואָס האָט געוואוינט גאָר ניט ווייט פון שפּיטאָל, כדי זיך דאָרט אַביסל אויסצורוען. מיסעס ברוידי האָט זיך טאַקע קוים געהאַלטן אויף די פיס, וואָס האָבן איר געטערפּנעט און וואָס זיינען געווען שווער ווי קלעצער, אָבער זי האָט ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון שפּיטאָל.

פּיט איז אַליין אַוועק צו זיין מוטער און מיסעס ברוידי איז אַריין אין דעם וואַרט־צימער, וואו זי האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ ווייכן שטול. זי איז געבליבן וואַך מיט אַלע חושים און געוואַרט צו הערן, אַז איר טאָכטער איז שוין איבערגעקומען. זי האָט געוואָלט, אַז אסתּר זאָל כאָטש געלעגן ווערן מיט אַ מיידל, ווייל זי האָט מורא געהאַט, אַז אויב זי וועט האָבן אַ אינגל, קען נאָך אַמאָל פּיטס מאַמען מיט זיין פרומער באָבען איינפאַלן ניט צו דערלאָזן, אַז מען זאָל דאָס קינד אידישן.

— קלוג, קלוג און אַזוי זיך צו באַנאַרישן — האָט זי אין דער שטיל ווי אַרויסגעזיפצט די ווערטער.

מיסעס ברוידי האָט זיך איצט דערמאָנט אָן יענעם זומערדיקן פאַרנאַכט ווען אסתּר איז מיט פּיטן אַריין אין הויז און איר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז זיי האָבן אַרויסגענומען „לייסענס". זי האָט דעמאָלט ניט געוואוסט, וואָס עס איז אויף איר געפאַלן. זי האָט געקוקט אויף דעם אויסגעברוינטן, שייןגעוואַקסענעם פּיט, מיט דעם שוואַרצן קאָפּ האָר און אויף דער הייסער מינוט געוואָלט אים, צוזאַמען מיט דער טאָכטער, פאַרטרייבן פון דער שטוב. ווען אסתּר האָט זי אָבער אַרומגעכאַפּט, זי גענומען קושן און אַ וויינענדיקע, אין אָפּגעריסענע ווערטער גערעדט צו איר וועגן דעם, אַז זי האָט אים ניט געקענט אויפגעבן, האָט זי איר שוין קיין וואָרט ניט געזאָגט. עס איז איר דעמאָלט דורכגעלאָפן דורכן מוח אַ געדאַנק, אַז זי איז גאָר שולדיק אין דעם, וואָס עס האָט אסתּרן אַזוי געצויגן צו פּיטן. אין אויסזען, איז אסתּר געווען מער ענלעך צו איר פאַרשטאָרבענעם פאָטער, אָבער זי איז אינגאַנצן אַריינגעראָטן אין איר.

פּיט איז ווי אַ ווינט אַריין אין וואַרט־צימער פון שפּיטאָל און אָנגעזאָגט מיסעס ברוידין, אַז אסתּר שלאָפט נאָך אַלץ, גלייך ווי ניט זי מיינט מען. זיין שוואַרצע טשופּרינע איז געווען צעשויבערט און פייכט פון נאַכטיקן טוי. ער האָט פון זיין מאַמעס גאָרטן געבראַכט פרישע רויזן פאַר אסתּרן און אויף עטלעכע פון זיי, וואָס זיינען נאָך ניט אינגאַנצן געווען צעבליט, האָבן ווי דימענטן געפינקלט גרויסע טראָפּנס ראָסע.

— קום מאַ, וועל איך דיך אַהיימנעמען. מיין מאַמע מיט דער באָבען זיינען געקומען וועלן זיי דאָ זיצן. זיי זיינען אין קאָרידאָר. זיי האָבן דאָרט באַגעגנט באַקאַנטע — האָט פּיט געטענהט צו זיין שוויגער, אַז עס איז ניט פאַר איר צו זיין וואַך אַ גאַנצע נאַכט.

— ס׳איז אָלרייט. ס׳איז ניט די ערשטע נאַכט, וואָס איך שלאָף ניט צוליב אסתּרן — האָט זי אַ ברוגזלעכע אים אָפּגעענטפערט. זי האָט געהאַט גענוג תרעומות אויף איר טאָכטער, אָבער זי איז מיטן גאַנצן לייב און לעבן געווען צוגעבונדן צו איר און זי האָט ניט געוואָלט אַהיימגיין ביז זי וועט ניט איבערקומען דאָס האָבן. פּיט האָט ווי פאַר זיך אַ מורמל געטאָן, אַז ער גייט אַריינשיקן צו אסתּרן אין צימער די רויזן און איז אַרויס פון וואַרט־צימער.

די פרישע רויזן האָבן געלאָזט זייער ריח אַרום מיסעס ברוידי. דערצו

האָט אַ באַדינערין געעפנט ס׳פענסטער אין דער זייט, וואו זי איז געזעסן און עס האָט פון דעם אַרומיקן גאָרטן אַ שפּאַר געטאָן מיט יונג־זומערדיקע ריחות פון בעז און פון פריש־געשניטענעם היי. מיסעס ברוידי האָט זיצנדיק אַרויסגעקוקט דורכן פענסטער און אירע מידע אויגן זיינען ווי פאַרשיט געוואָרן מיט דער לויטערער בלויקייט פון דער נאַכט.

די ריחות האָבן זי איצט ווי צוריקגעפירט צו איר אַמאָליקער דאָרפישער היים, וואָס זי האָט פאַרלאָזט מיט איבער פיר צענדליק יאָר צוריק, און פון דער דרויסנדיקער בלויקייט איז פאַר איר אויפגעגאַנגען די געשטאַלט פון אַ שגץ מיט וועלכן זי פלעגט זיך דאָרט באַגעגענען.

עס האָט זיך איר געבאָמבלט אין קאָפּ דער געדאַנק, אַז אסתר האָט איר בלוט און אַז זי האָט דאָס אויך געקענט טרעפן. דאַכט זיך אָט ערשט איז עס געווען, ווען זי האָט זיך איינגעליבט אין שגץ, וועלכער האָט געוואוינט אין דעם זעלבן דאָרף, וואָס זי. זי איז, ווי איר אסתר, געווען די אינגסטע פון דריי שוועסטער און זי איז דעמאָלט געווען פול מיט לעבן. עס האָבן זיך געשאַרט אַרום איר אידישע בחורים, אָבער זי האָט נאָר געצויגן צום שגץ. זי האָט וואויל געוואוסט, אַז זי טאָר זיך אין אים ניט אַריינלאָזן, אָבער זי האָט אין די אָוונטן זיך ניט געקענט איינהאַלטן אין שטוב, ווען זי האָט געוואוסט, אַז ער טשאַטעוועט אויף איר אין גאָרטן און וואַרט, אַז זי זאָל צו אים אַרויסקומען.

אין אַזאַ יונגער זומער־נאַכט ווי די, אין וועלכער אסתר האָט באַדאַרפט געבוירן איר קינד, האָט זי דעם שגץ געזען צום לעצטן מאָל.

אַלע אין שטוב האָבן זיך שוין געקליבן צו גיין שלאָפן, ווען זי איז אַרויס אים באַגעגענען. זי איז געגאַנגען צו אים אַ באָרוויסע מיט די פייכטע גראָזן, וואָס האָבן געקילט אירע הייסע פיס, ביז זי איז צוגעקומען צו די ווערבע־ביימער, וואו ער איז געשטאַנען אַ הויכער מיט אַ טונקעלער צעשויבערטער טשופּרינע. און ווי נאָר ער האָט זי דערזען אָנקומען, איז ער איר געלאָפן אַנטקעגן, מיט גבורה זי אַרומגעכאַפּט און זי ניט אויפגעהערט קושן. ער האָט זי געטוליעט צו זיך און מיט אַ הייסן אָטעם גערעדט צו איר. מיטאַמאָל האָט זי פון דער ווייטנס דערהערט איר פאָטערס קול, וואָס האָט מיט אַ געבייזער איר באַפוילן שוין אַריינצוגיין אין הויז. זי האָט זיך באַלד אַ ריס געטאָן פון דעם שגץ און אין איין אָטעם געלאָפן אין שטוב אַריין. זי איז גלייך אַוועק צו איר געלעגער. זי האָט איינגעגראָבן איר פנים אין קישן און אַזוי לאַנג געוויינט ביז זי איז איינגעשלאָפן.

דער טאַטע האָט איר דעמאָלט קיין וואָרט ניט געזאָגט. מען האָט זי אָבער פון יענעם אָוונט גוט געהיט און אַ פּאָר מאָנאַטן שפּעטער האָט מען זי אַוועקגעשיקט קיין אַמעריקע.

— אַזוי זיך אָפּפּלאָגן אַ נאַכט — האָט מיסעס ברוידי דערהערט דאָס הייזעריקע הויכע קול פון פיטס מוטער און מיטאַמאָל זי דערזען לעבן זיך. איר איטאַליענישע מחותנתטע, וואָס איז געווען נאָך שווער־לייביקער פון איר, האָט אַ פרייכנדיקע זי באַדויערט און ווי פיט געהאַט צו איר טענות פאַרוואָס זי האָט ניט געוואָלט קומען צו איר אין הויז אַריין אַביסל זיך אָפּרוען. מיסעס ברוידי האָט זיך אַרויסגעריסן פון אירע טראַכטונגען און פון דער דערמאָנונג וועגן דער אַלטער היים איז איר איצט געבליבן עפּעס ווי אַ קלינגען אין איר לינקן אויער.



— ניט יעדע נאַכט גייט דאָך מיין טאָכטער צו קינד — האָט זי זיך ווי פאַרענטפערט. מיטאַמאָל האָט זי דערזען, אַז פיטס באָבע איז שוין אויך דאָ אין וואַרט־צימער. זי האָט גאָרניט באַמערקט ווען זי איז אַריינגעקומען. די אַלטע איינגעדאַרטע פרוי, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין שוואַרצן און געטראָגן אַ גרויסן צלם אויף איר ברוסט, איז געזעסן אין אַ ווינקל, אַן אומבאַוועגלעכע און מיט גרויסע אויגן געקוקט פאַר זיך.

מיסעס ברוידי איז ווי פאַרציטערט געוואָרן, ווען זי האָט דערזען די אַלטע, וואָס האָט געהאַט אַ פנים פון אַ סאָווע. מיט פיטס מוטער האָט זי זיך ווי עס איז איינגעלעבט, אָבער זיין באָבען האָט זי ניט געקענט פאַרטראָגן. און ווען זי האָט צו איר איצט אַריבערגעקוקט, איז איר איינגעפאַלן, אַז דאָס איז זי שוין באַצייטנס געקומען היטן, אַז מען זאָל פיטס קינד ניט מאַכן פאַר קיין איד.

עס האָט מיסעס ברוידי אַ הייב געטאָן פון שטול. זי האָט געוואָלט אַרויסגיין צו פיטן און אים געבן אַ גאָב דערפאַר וואָס ער האָט געבראַכט אַהער די אַלטע מכשפה. ווען זי האָט זיך אָבער געלאָזט גיין צו דער טיר איז פיט איר אַנטקעגן געקומען אַ שמייכלענדיקער. ער האָט איר און זיין מאַמען געלאָזט וויסן, אַז עס איז געווען אַ „פאַלשער אַלאַרם“, אַז דאָס קינד האַלט נאָך ניט ביים געבוירן ווערן און אַז אסתר וועט באַלד זיין גרייט אויף אַהיימצופאָרן.

*

מ. אַליצקי

## די לעצטע זון

נאָר ער אַליין האָט וועגן דעם געוואוסט,
מיין ברודער ברוך:
באַלד וועט די לעצטע זון
ניט זיין.
דערווייל נאָך איז זי ליכטיק, גרויס,
און וואַרעם,
דערווייל נאָך איז זי צווישןביידע ביימער
וואָס ביי דעם אַלטנס אוהל.
די בלעטער אָטעמען
איר לעצטן אָטעם,
זיי גלאַנצן גאָלדיק מיט איר לעצטן גלאַנץ.
אָוונטיקע פייגל פליען אַרום איר אין קרייזן,
און הענגען אוים אויף צווייגן
שאָטנדיקע שוואַרצע בענדער.
נאָר ער אַליין האָט וועגן דעם געוואוסט,
מיין ברודער ברוך:
זי וועט שוין קיינמאָל, קיינמאָל מער ניט זיין פאַר אים,
די זון.

ק. מאַלאַדאָווסקי

# תמימות און די פאַרפירעניש פון יצר הרע

אויף אַ באַרגיקער געגנט האָב איך אַמאָל געזען דריי ציפּריס־ביימער. עס האָט זיך געדאַכט אַז זיי נידערן אַראָפּ איינער נאָכן אַנדערן ווי דריי נזירים. עס איז געווען שיין. אַ חלום איז געהאַנגען איבער זיי. איך האָב געקוקט און שטאַרק הנאה געהאַט. אינמיטן דערינען זאָגט צו מיר אַ באַקאַנטער וואָס איז געגאַנגען מיט מיר: איר זעט די דריי ציפּריס־ביימער? דאָס איז אַ גוטע טעמע פאַר אַ ליד.

די שיינקייט און דער חלום פון די ציפּריס־ביימער זיינען גלייך פאַרשוואונדן. קיין שום שיינקייט האָב איך מער ניט געזען אין זיי. פאַרקערט, איך האָב זיך קוים דערוואַרט מיר זאָלן אַריבערגיין דאָס שטיקל וועג און מען זאָל זיי מער ניט זען. און אַפילו שפּעטער, אַז עס איז מיר אויסגעקומען צו זען אַ ציפּריס־בוים, ווי שיין ער זאָל ניט זיין, האָט ער קיין שום חן ניט געהאַט אין מיינע אויגן. און עד היום הזה איך זאָל דאַרפן פלאַנצן אַ קעניגלעכן גאָרטן וואָלט איך דאָרט ניט אַריינגעלאָזט קיין שפּור פון דעם בוים. מיט וואָס האָט זיך דער בוים פאַרזינדיקט ביי מיר? ער איז געוואָרן אין מיינע אויגן אויס גאָטס באַשאַף, ער איז געוואָרן אַ „טעמע" און ניט אַ בוים.

ווען אַ יונגערמאַן לערנט ווייל ער האָט הנאה פון דעם לערנען, פון פאַרטיפן זיך אין ענין, ווערט ער אַ למדן. דאָס איז די תמימות, די גאַנצקייט פון למדנות. אָבער ווען ער לערנט ווייל ער גרייט זיך ווערן אַ רב, איז דאָס אַ „טעמע", און עס האָט אפשר גאָרניט צו טאָן מיט למדנות, פונקט ווי די „טעמע" פון ציפּריס־בוים האָט ניט קיין שייכות מיט קיין ליד.

דער אָנגענומענער זאָג — קנאת סופרים תרבה חכמה — איז אפשר גאַנץ ווינציק, אָבער עס איז שווער צו גלויבן אַז פון קנאה קומט מען צו חכמה, גיכער דער היפּוך דערפון. עס איז אָבער דאָ אַ שווערערע מלחמה ווי קנאת סופרים, דאָס איז די מלחמה מיטן פענצטערל פון יצר הרע, וואָס האָט אַ סך שיינקייט, נאָר ניט קיין תמימות — און גראָד תמימות איז דער יסוד פון יעדן קינסטלערישן אויפטו.

די תמימות פירט צום אמת פון איבערלעבונגען, צום ווילד־וואַלד פון מענטשלעכע טראַכטונגען, צו דער גרינדלעכער סיבה פון אונזערע האַנדלונגען. מיט תמימות נעמען מיר אויף די ווידערשפּרוכן פון דער וועלט: דער טייך נערט און באַוואַסערט, אָבער ער גייט אויך אַרויס פון די ברעגן, פאַרפלייצט און ברענגט אום. דער מענטש איז ליבשאַפט און רחמים, אָבער ער האָט אויך זיינע פאַרפלייצענישן און פאַלט אַריין אין פאַרשיידענע נעצן פון רשעות — פון גאווה, פון צו־להכעיס, פון קנאה און אַנדערע „גוטע זאַכן". די תמימות נעמט עס אויף. זי באַוועלטיקט דעם אַרום און אַרום אַזוי ווי ער איז. דער פויער וואָס קוקט אויפן הימל און זאָגט פאָראויס אַ רעגן האָט ניט קיין אינסטרומענטן, אָבער בתמימות האָט ער די שפּירונגען וואָס אַנטפּלעקן אים די נאַטור. דאָס קינסטלערישע שאַפן איז אין דער בחינה. אָבער דאָס פענצטערל פון יצר הרע האָט אַנדערע כוחות וואָס זיינען מעכטיק. עס האָט דעם כוח פון איבערטרייבונג. מער און מער, נאָך און נאָך, עס איז די כפל־טאַבעלע



פון אונזערע גלוסטונגען, מוזיק וואָס כישופט אונזער אויער, פינקלענדיקע קלוגשאַפט וואָס באַרוישט אונזער געדאַנק און פאַרטרייבט פון אים די תמימות, די שיינקייט פון באַוועגונג וואָס רייצט אונזערע גלידער און פאַרפירט צו אַקראָבאַטיק.

אָט די צוויי — תמימות און דאָס פענצטערל פון יצר הרע פירן אַ שטענדיקע מלחמה צווישן זיך ביי יעדער שעפערישער אַרבעט. ווען אַ שרייבער אָדער אַ מאָלער, אָדער אַ סקולפּטאָר גייט אַראָפּ פון זינען, אָדער באַגייט גאָר אינגאַנצן זעלבסטמאָרד, איז דאָס דערפאַר וואָס ער קען ניט אויסשטיין די שלאַכט צווישן די צוויי און ער פאַלט אַ קרבן. עס ווערט ביי אים צעשטערט די מחיצה צווישן תמימות און די פאַרפירענישן, און אין כאַאָס פון דער צעמישעניש פון די צוויי שטרייטנדיקע עלעמענטן ווערט ער דערשטיקט.

ביי הענריך היינע איז דאָ אַ ליד וועגן אַ ווינטער־בוים אין צפון, וואָס שטייט פאַרפרוירן און חלומט וועגן אַ בליענדיקן בוים אין דרום. היינע האָט געקענט האַלטן די מחיצה. ער פאַלט ניט אַריין אין קיין שילדערונגען פון דעם בליענדיקן בוים אין דרום. דאָס פענצטערל פון יצר הרע וואָלט אים געקענט דערלאַנגען „סחורה" — גרינע צווייגן, בלומען, זינגענדיקע פייגל, אַ פאַרליבט פאָרל וואָס קושן זיך אונטערן בוים. מאַלע וואָס מען קען אַלץ אויסטרוימען אונטער אַ דרומדיקן בוים? אָבער ער פאַרטרייבט די פאַרפירעניש מיט דער גאַנצער „דזשולערי" אירער, און עס בלייבט פאַר אונז דער צפונדיקער בוים מיט זיין תמימותדיקן חלום וועגן דרום. וויפל מענטשלעכע רחמנות עס איז דאָ אין דעם תמימותדיקן חלום!

דער רייץ פון איבערטרייבונג איז צוציענדיק. דאָס פענצטערל פון יצר הרע עפנט זיך אַ סך גרינגער, ווי די תמימותדיקע אַנטפּלעקונג, וואָס קומט דורך האַרץ און נשמה. איבערטרייבונג גייט שנעל אויף ווינט־רעדער. איבערהויפּט אין אונזער צייט פון טעלעוויזיע: אַ שוך גייט אַרויס און זינגט, און עס טאַנצט אַ שוך־בענדל. דראַמאַטורגן, די וואָס האָבן צו טאָן מיט טעאַטער ווייסן ווי ווייט עס איז צעפלאַקערט דער פאַרלאַנג נאָך „דראַמאַטישקייט". און אַז דער מחבר זאָל דערשיסן אַן אומשולדיקן מענטשן וואָלט קיינעם ניט געאַרט אַבי די שפּיל זאָל זיין דראַמאַטיש. (מיט אַ פאָר יאָר צוריק האָב איך פאָרגעלייענט פאַר אַ רעזשיסער אַ פּיעסע. זי איז אים געווען געפעלן, נאָר ער האָט מיר געראָטן אַז אין צווייטן אַקט זאָל די העלדין אַרויסשפּרינגען פון פענצטער. „עס טרעפט זיך דאָך ביי אַ מענטשן אַן אָנפאַל פון יאוש" — האָט ער מיך צוגערעדט צו דער רציחה, נאָר גאָט האָט מיך אויסגעהיט פון דער זינד). דער „צייט־גייסט" ווירקט אויף אַלע געביטן. אויסערלעכע דראַמאַטישקייט, אָנשטאָט אינערלעכער תמימות, וואָס איז אַ סך וואָרהאַפטיקער. דו שילדערסט אַ ראָמאַן צווישן צוויי נפשות — זשאַלעווע ניט! דערלאַנג טרערן, אַ באַנקראָט, אַ פאַרראַט, אַ מאָרד אַפילו, און טאָמער דאָס איז ווייניק פאַר אונזער פיפיקער צייט גיב צו אַביסל שפּינאָזאַס פילאָזאָפיע. דאָס איז דאָס פענצטערל פון יצר הרע וואָס דערווייטערט פון תמימות און וואָרהאַפטיקייט.

ביי פייערבערגן איז דאָ אַ באַשרייבונג ווי זיין העלד פירט אַ געראַנגל מיט די כישופדיקע ניגונים פון דער סטרא אחרא וואָס לויערן אויף אים. זיי ווילן אים אָפּווענדן פון דרך הישר און פאַרשלעפּן אין כף הקלע. ער מאַכט אַרום זיך אַן עיגול, וואָס די כישופדיקע כוחות קענען אים ניט איבערשפּאַנען.

אָט דער געראַנגל קומט פאָר ביי יעדער שאַפונג. דער חוש פון וואָרהאַפּ־

טיקייט היט אָפּ מען זאָל ניט אַרויס פון עיגול. און אויב מען גיט אַמאָל אַן עפּן דאָס פענצטערל פון יצר הרע איז עס בלויז פאַרן בליאַסק, וואָס מאַכט בולטער דאָס וואָרהאַפטיקע. דאָס איז אַזוי צו זאָגן: לאָמיר אַריינלאָזן אויף אַ ווײַלע דעם טייוול וועט מען זען וואָס פאַר אַ שיינעם עק ער האָט. הומאָר קומט אָפּטמאָל צו דעם מיטל.

אַלס ביישפּיל קען דינען די סצענע ביי שלום עליכמען, ווען טביה דער מילכיקער פאַלט אַריין אין התפעלות בשעת ער קומט צום גביר אין בויבעריק און ברענגט אים צוריק די פאַרבלאָנדזשעטע ווייבער. זאָל ער פאַר זיין טרחה בעטן אַ רובל? אָפשר קען ער בעטן צוויי? ביז דעם פונקט שטייט שלום עליכם מיט זיין שילדערונג אין דעם עיגול פון וואָרהאַפטיקייט. יעדער בעל עגלה און ניט בעל עגלה טראַכט טאַקע אַזוי: צי זאָל ער נעמען אַזאַ פרייז, אָדער אַביסל אַ גרעסערן? אָבער ווען טביה שיסט אויס פון גרויס התפעלות „דריי!‟ — כאַפּט זיך דאָס אַריבער דעם עיגול פון וואָרהאַפטיקייט. עס פאַלט אַריין אין דער שפּיל פון שלום עליכמס צויבער: ער האָט אויף איין אויגנבליק אַן עפן געטאָן דאָס פענצטערל פון יצר הרע און עס גיט אַ לאַך דורך די מענטשלעכע גיריקייט. זי ווערט, חלילה, ניט ביי טביהן קיין מום, אָדער קיין קליפּה, ווייל באַלד פאַרהאַקט שלום עליכם דאָס פענצטערל, און מיר גייען אַריין בשלום אין אידישע זאָרגן, טביהס ווייב דערפרייט זיך מיטן אוצר פון זיין פאַרדינסט א. אַז. וו., און מיר האָבן הנאה פון אומקערן זיך צו דער תמימות.

תמימות אין שילדערונגען איז נישט גראָד צדקות, אָדער פרומקייט, אָדער גיין צו תשליך און אויסשאָקלען די עבירות. עס קען זיין תמימות אין באַהאַנדלען די איבערלעבונגען און די הילכותן פון אַ גנב, אָדער אַפילו פון אַ פרויען־הענדלער, ווען מען שטעלט זיי אַריין אין זייער מענטשלעכער ראַם, ווי גאָטס באַשעפענישן וואָס גייען אויף קוליעס, פונקט ווי אַ מאָלער קען מאָלן אַ גלייכן בוים און ביימער מיט אויסגעקרימטע שטאַמען — אויב זיי רירן זיין געמיט.

עס איז דאָ תמימות אין מגילת רות, וואו די גאַנצע דערציילונג איז געבויט אויף אור־אַלטער טראַדיציע און גלויבן. עס איז ניטאָ קיין טראָפּן אויסגעלאַסנקייט אין דעם וואָס רות גייט זיך לייגן שלאָפן ביי בועזן צופוסן. ווייל עס איז תמימותדיק געגעבן די גאַנצע רחבותדיקע אויפפאַסונג פון גזעים, פון משפחה־קנופּן. דאָס איז תמימות. גאַנצקייט. דער ריינער אָטעם פון יצירה.

עס איז דאָ תמימות אין בערגלסאָנס „נאָך אַלעמען‟, וואו אַלע טראַדיציעס זיינען ברוכוואַרג, מירעלעס יחוס איז טראַגיש אויף דעם ברוכוואַרג, און איר פאַמיליען־לעבן איז גראָטעסק. אָבער דאָס בילד פון דעם שטעטל מיט די מענטשן איז וואָרהאַפטיק, גאַנץ און תמימותדיק, אָן באַפּוצונגען און אָן ווײַ־געשרייען. בערגעלסאָן וואָלט געקענט גאָר גרינג, אָבער טאַקע גרינג ווי אַרויסנעמען אַ האָר פון מילך, דערפירן מירעלען צו זעלבסטמאָרד. די דערציילונג וואָלט געווען מער דראַמאַטיש, און וואָלט אַפילו געקענט אויפגעפירט ווערן אין טעאַטער (דאָס וואָלט געווען אַ גוטע „טעמע‟), דאָס פענצטערל פון יצר הרע וואָלט צוגעשטעלט די גאַנצע דעקאָראַציע פון אַ לעצטן לעבנסטאָג ביי מירעלען. אָבער בערגלסאָן האָט מוחל געווען אויף דעם עפעקט, מיט דער דראַמאַטישקייט, מיטן איבערברוך, מיט דער אונטערשטרייכונג,



אגב, פון דעם טראַגיזם פון שטעטל — און איז געבליבן אין עיגול פון תמימות. אין דעם באַשטייט די קינסטלערישע גבורה פון דער שילדערונג.

איבער יעדן מענטשלעכן שאַפן לויערן רייצונגען. אין דער פּאָעזיע באַהאַלט זיך אָפט די פאַרפירעניש אונטערן צויבער פון גראַם. דער גראַם אין אַ ליד, איז ווי די קרוין ביי אַ קייסער. זיין מלכותדיקייט ליגט ניט אין דער קרוין, נאָר אין דער מאַכט וואָס ער האָט. פונדעסטוועגן זאָגט מען ניט דער אָדער יענער ווערט „געמעכטיקט‟ פאַר אַ קייסער, נאָר מען זאָגט „געקרוינט‟, אָדער „געזאַלבט‟ — די שפּראַך האָט אָנגענומען דאָס אויסערלעכע אויף באַצייכענען דעם מלכותדיקן אינהאַלט. אָבער ווען אַ פּורים־שפּילער טוט אָן אַ קרוין — איז די קרוין אַ פּאַפּירענע, און קיינעם וועט ניט איינפאַלן צו זאָגן דער אָדער יענער איז „געקרוינט‟ געוואָרן פאַר אַ פּורים־שפּילער. אָדער ווען קינדער טוען אָן אַ קרוין — איז עס אַ שפּיל־קרוין.

עפּעס ענלעכס געשעט מיטן גראַם. עס ווענדט זיך וואָס פאַר אַ ליד עס טראָגט אים. דאָס געזאַנג פון אַ ליד איז — דאָס אינערלעכע געזאַנג. דער גראַם איז די אימפּולסיווע פאַרענדיקונג פון דעם אינערלעכן ריטם. ווען דער ריטם דרימלט קען אים דער בעסטער גראַם ניט וואַך מאַכן. עס זיינען אפשר גאָר ניטאָ קיין „גוטע‟ און קיין „שלעכטע‟ גראַמען. ווען אויף אַ צווייג פון אַן עפּלבוים זאָל אויסוואַקסן אַ פלוים — וועט עס זיין משונה. אַזוי קען זיין אין אַ ליד. ווען דער דיכטער גייט אַרויס פון עיגול פון תמימות — פון דער אינערלעכער אַנטפּלעקונג פונעם ליד — און עס לאָקט אים אַ גראַם, „אַ שיינער גראַם‟ וואָס איז ניט אין קרובהשאַפט מיט דעם מהות פון דעם ליד — מעג עס זיין דער בעסטער גראַם — איז ער אַ פלוים אויף אַן עפּלבוים, און איז עלול צו צעשטערן די פּאָעטישע גאַנצקייט פונעם ליד. דער בעסטער גראַם איז דער וואָס קוים מען הערט אים. ער קומט נאַטירלעך און איז איינגעוואַקסן אין דער שורה. אַ גראַם וואָס קומט לשמו, ווייל ער איז אַ שיינער גראַם — איז די נעץ פון יצר הרע. עס פירט אַוועק פון תמימות, און ממילא פון פּאָעטישער אַנטפּלעקונג. (תורה לשמה איז אַ מעלה, און גראַמען לשמם איז אַ חסרון).

אין דעם וואַרשטאַט פון לידער זיינען פאַרגאָסן געוואָרן אַ סך טרערן. פּאָעטן וויינען אָפט ווען זיי שרייבן אַ ליד. (פּושקין איז זיך אָפן מודה אין דעם, אַנדערע וויינען מסתם אויך, אָבער זיי זיינען זיך ניט מודה). דאָס איז די תמימות אין איר התלהבותדיקן אויסדרוק. ס'איז די רגע פון השראה. דער גראַם קומט אָפט מיטן טוי פון אַ טרער, כטל השמים, דאָס איז דער נאַטירלעכער גראַם. ער קומט מיט דער השראה פון דעם גאַנצן ליד. דער גראַם וואָס קומט צוליב עפעקט האָט ניט דעם טל השמים. ער איז טרוקן.

עס זיינען דאָ אַנדערע אַקאָרדן אין געזאַנג וואָס זיינען ניט גראָד קיין קלאַנג־גראַמען. צום ביישפּיל, ביי ישעיה איז דאָ די דירעקטע ווענדונג צו די חושים, וואָס חזרט זיך איבער און ברענגט אַרויס דעם אימפּעט פון ריטם: „הערט זיך צו אַלע היטער פון גערעכטיקייט... קוקט זיך צו צו אַברהם אָבינו... זייט אויפמערקזאַם, איר פעלקער פון דער וועלט.... האָרכט צו מיר די וואָס באַגרייפן צדק...‟ דאָס זיינען נישט קיין קלאַנג־גראַמען, נאָר די אויפפלאַמענדיקע אַקאָרדן פון אַ שטאַרקן ריטם. אָבער דער גראַם שאַפט ניט דאָס ליד, און די אַקאָרדן שאַפן ניט די נבואות. די וואָרהאַפטיקייט וואָס ליגט אונטער זיי, דער שטראָם פון געפיל גיט זיי די היץ און דאָס ליכט. די

פֿאַרשיידענע אַקאָרדן זיינען בלויז די קרוין, אָבער נישט די מאַכט פֿון דעם קייסער.

נישט ביי אַלע דיכטער האָבן די גראַמען דעם זעלביקן צוועק. עס זיינען דאָ צו־להכעיס־גראַמען, וואָס האָבן זייער חן; שמייכלענדיקע גראַמען; גאַלאָפּירנדיקע גראַמען, וואָס שפּרינגען איבער די איינגעשטעלטע געמאָסטנקייט; זומערדיקע גראַמען, וואָס בליען אַרויס אַזוי נאַטירלעך ווי בלומען אויף אַ צווייגל; געהאַמערטע גראַמען; „ווי־איך־וויל־מיר״־גראַמען; אַלט־היימישע גראַמען; צימבל־גראַמען, וואָס פֿאַרהאַקן די שורה מיט אַ טראַסק; און אַזוי כסדר. פּונקט ווי יעדער קייסער מאַכט זיך זיין קרוין לויט זיין טראַדיציע, און דאָס באַשטימט ניט די גרויס פֿון זיין קעניגרייך, אַזוי האָט יעדער דיכטער זיין געפֿעלי פֿאַר די גראַמען, און דאָס באַשטימט ניט די פּאָעטישע ווערט פֿון דעם ליד.

אַזוי צי אַנדערש, אָבער דער גראַם האָט אַ סך צויבער. אַגב איז ער אַ מאָס פֿון שפּראַך־עשירות, פֿון איינפֿעליקייט, פֿון בויגעוודיקייט פֿון לשון ביי אַ דיכטער. און חוץ דעם אַלעמען אַ וואונדער. אַ מין זינגענדיקע צווייג אויף דעם בוים פֿון שפּראַך־קונסט. אין דעם צויבער פֿון גראַם באַהאַלט זיך אָפּט די צורעדעניש פֿון יצר הרע און נאַרט אַרויס פֿון דעם עיגול פֿון וואָרהאַפּטיקייט. עס טרעפֿט אַז צוליב אַ גוטן גראַם „פֿאַרקויפֿט מען דעם טאַטן מיט דער מאַמען״ און מען שפּילט אים אַריין אין ליד. דער גראַם איז טאַקע שיין, נאָר דער אומוועג וואָס מען מאַכט צוליב אים מיט אַן איבעריקער שורה, נעמט צו ביים ליד דאָס חיות. פּאָעזיע איז שטענדיק בחזקת סכנה, אַז דער כישוף פֿון מוזיק זאָל ניט איבערוועלטיקן די אינערלעכע תמימות פֿון ליד — ווייל זיי גייען שטענדיק צוזאַמען און שטופּן זיך אויף דער פּאָעטישער טעריטאָריע פֿון אין סוף.

אַפֿילו אין די ווערק וואָס וואַגן צוצוקומען צום ראַנד פֿון שגעון איז דאָ קינסטלערישע תמימות ווען זיי ברענגען אַרויס וואָרהאַפּטיקע מענטשלעכע איבערלעבונגען. „דאָן קישאָט״ — איז אַ וועלט פֿון אויסטראַכטענישן. דער העלד, דאָן קישאָט, שלאָגט זיך מיט די ווינט־מילן, פֿראָסט פּשוט מיט די הילצערנע ווינט־מילן וואָס ער נעמט זיי אָן פֿאַר זיינע קעגנערישע ריטער. אין אַ פֿאַרגרעבטער דינסט־מיידל זעט ער זיין אויסגעטרוימטע פּרינצעסין, און ער נעמט אָן דעם טיטל פֿון אַ ריטער ביים באַלעבאָס פֿון אַ קרעטשמע, וואָס יענער לאַכט אָפּ פֿון אים. מיט אַ פֿאַרהויבענעם קאָפּ שפּאַנט ער איבער דעם מיסט און שפּאָט און נעמט עס אָן פֿאַר גאָלד און רום. די גאַנצע שפּיל פֿון דעם ראָמאַן זעט אויס ווי אַ שפּיל פֿון דער סטרא אחרא וואָס האָט געשטעלט דעם מענטשן מיטן קאָפּ אַראָפּ און מיט די פֿיס אַרויף. אָבער סערוואַנטעס מיידט זיך אויס מיט די נעצן פֿון פֿאַרפֿירעניש צוליבן וואָרהאַפּטיקן יאוש וואָס שוועבט איבער דעם ווערק. צו וואָס פֿאַר אַן עפּאָכע מען זאָל דאָן קישאָט ניט אָנמעסטן — צו דער עפּאָכע פֿון אויסגעשפּילטן ריטערטום, אָדער צו דער עפּאָכע פֿון אויסגעשפּילטע אידישע באַנקעטן — קומט אויף די טראַגיק פֿון דעם טרוימער וואָס שלאָגט זיך מיט די ווינט־מילן, און פֿון דעם טרוים גופֿא, וואָס ווערט צעמאָלן אויף שטויב. דער מוראדיקער יאוש סערוואַנטעסעס שפּאַנט אַריבער די גראָטעסק־שפּיל און עס בלייבט די וואָרהאַפּטיקע טראַגיק פֿון מענטשלעכע שטרעבונגען. דערצו נאָך ווערט דער העלד באַגלייט פֿון דעם שומר סאַנטשע פּאַנטשע, וואָס דערמאָנט כסדר אַז



מען מוז רייטן אויף אַן אייזל זייט ביי זייט מיט דער אויסגעחלומטער ראַסינאַנטע. דאָס פֿענצטערל פֿון יצר הרע ווערט אויסגעלאָשן אַקעגן דער קלעמענדיקער טראַגיק.

וויפֿל די וועלט זאָל זיך ניט ענדערן וועט בלייבן די תמימות פֿון מענטשן, אייביק איז געלעכטער און געוויין. מען קען קיינמאָל מיט די שפּיץ־פֿינגער דעם הימל ניט דערגרייכן. אויף אַ גאַנץ היימישן אופֿן קען מען זאָגן, אַז די אַנטפּלעקונג אין אַ ווערק איז עלעהיי אַ חנוכּה־לעמפּל. ביי די פֿלעמלעך פֿון אַנטפּלעקטן נס שטייט דער תמימותדיקער שמש. ער צינדט זיי אָן. ער שטייט לעם זיי אַזוי לאַנג ווי זיי ברענען און היט זיי זאָלן ניט ווערן קיין טעלעוויזיע־פֿלאַם. אָט דער תמימותדיקער שמש מוז שטיין און היטן יעדן קינסטלערישן באַשאַף.

*

משה שטאַרקמאַן

# די אידייען־וועלט פֿון שמעון ראַווידאָוויטש

ווען שמעון ראַווידאָוויטש איז פּריצייטיק אַוועק פֿון דער וועלט — ער איז געשטאָרבן מוצאי שבת, כ״א תמוז, תשי״ז, דעם 20סטן יולי, 1957 — איז דאָס געווען גראָד אין דער בלי־צייט פֿון זיין שאַפֿן אויף די צוויי שפּראַכן פֿון אונזער ליטעראַטור — העברעאיש און אידיש.

ס׳איז נישט קיין צופֿאַל, וואָס ראַווידאָוויטש האָט אַריינגעפֿירט דעם היינט־צייטיקן לייענער אין דער היסטאָריאָסאָפֿיע פֿון נחמן קראָכמאַל און וואָס ער האָט רעדאַקטירט דאָס באַדייטנדיקסטע זאַמלבוך וועגן דעם לעבן און שאַפֿן פֿון דעם היסטאָריקער שמעון דובנאָוו. ראַווידאָוויטש איז נישט געווען קיין איבערזאָגער פֿון זייערע לערעס; אָבער ער איז געווען דער ממשיך, אי פֿון קראָכמאַל, אי פֿון דובנאָוו, אַלס מפֿרש, אַלס אויפֿקלערער און אויסטייטשער פֿון אונזער היסטאָרישן גאַנג איבער דער וועלט און פֿון אונזער לעבן צווישן די אומות. ר׳ נחמן קראָכמאַל האָט געצויגן פּאַראַלעלן צווישן די אידן און די אומות העולם, כדי בעסער צו באַטאָנען, וואָס ס׳טיילט אָפּ דאָס אידישע פֿאָלק פֿון אַנדערע פֿעלקער. דורך די „שערים״ פֿון זיין „מורה נבוכי הזמן״, האָט קראָכמאַל געפֿירט זיינע לייענערס צו דער דערקענטעניש פֿון דער אַבסאָלוטער געטלעכער גייסטיקייט, וואָס אַ דאַנק איר זיינען אויף דעם אידישן פֿאָלק נישט שולט די זעלביקע חומרדיקע געזעצן, וואָס זיינען גילטיק פֿאַר די ניט־אידן. מאַטעריעלע זאַכן זיינען פֿאַרגאַנגלעך, שטרייכט אונטער קראָכמאַל, ווייל זייערווירקלעכקייט איז אַ צייטווייליקע, אָבער די גייסטיקע ווירקלעכקייט איז אַן אייביקע, און זי באַשיצט אידן פֿון אונטערגאַנג אין גלות. דער יסוד פֿון שמעון דובנאָווס היסטאָריאָסאָפֿיע איז די נאַציאָנאַל־גייסטיקע אויטאָנאָמיע, וואָס פֿורעמט דאָס אידישע לעבן אין דער גלות־צעשפּרייטונג; און אידישע וועלט־געשיכטע מיינט, דעריבער, די געשיכטע פֿון אַ פֿאָלק, וואָס די גאַנצע וועלט איז זיין היים. אמת, די אידן אין גלות זיינען שטענדיק אויסגעשטעלט צו אַלערליי סכנות, אָבער אַזוויוי דאָס אידנטום איז אַ גייסטיקע אייגנאַרט, האָט דובנאָוו באַטאָנט, קען מען עס נישט פֿאַר־

טיליקן, ווייל נאָר אַ דורכאויס־פיזישע עקזיסטענץ קען מען אומברענגען.

און שמעון ראַווידאָוויטש?

ער האָט אָנגעוויזן אין גרעסערע און קלענערע אַרבעטן, אַז די אידישע היסטאָרישע אַנטוויקלונג אין גלות איז אַ ווירקלעכקייט, וואָס אידישע טעריטאָריעלע אומאָפּהענגיקייט וועט נישט קענען איבעררייסן אָדער אָפּווישן. אין אַ היסטאָריאָסאָפישער אָפּהאַנדלונג, פאַרעפנטלעכט אין 1943, האָט ראַווידאָוויטש בנוגע דער „פּראָבלעמאַטיק פון באַגריף גלות" באַטאָנט דאָס ווייטערדיקע:

„צום באַדויערן איז, גלות, גלותדיקייט ביי אונז אויך געוואָרן אַ סימבאָל פון באַציאונג צו מענטש און דערשיינונגען... דער דאָזיקער דרך פירט אונז צו אַ געוויסער פאַרטושירונג פון אונזערע אמתע שוואַכקייטן און מומים. מיר רעדוצירן אַלע אונזערע חסרונות, פערזענלעכע און קאָלעקטיווע (ובתוכם די, וועלכע מיר האָבן בשותפות מיט דער גאַנצער וועלט) אויף איין איינציקן שאָטן־פּונקט (גלות). איך לייקן אַבסאָלוט נישט זייער שאָטנדיקייט, אָבער בעת דאָס ווערט דער שעיר לעזאזל פאַר אַלץ, פירט דאָס, האַלט איך, צו אַ גרויסער אָפּשוואַכונג פון דעם נאַטירלעכן דראַנג צו אַליין־פאַרטיידיקונג ביי אידן אין די תפוצות...

„ווען איך וואַרף אָפּ די גרונט־טעזע, אַז דער גלות איז געווען שטענדיק און אויסשליסלעך אַ מקור פון שאָדן פאַרן יחיד און פאַרן כלל ישראל, און איך זאָג, אַז ער האָט אויך, פון אַן אַנדער זייט, געשטאַרקט, באַפעסטיקט און פאַרהאַרטעוועט דעם אידישן כאַראַקטער און פנים, שטעל איך זיך נישט דערמיט אויפן שטאַנדפּונקט, אַז די געטלעכע אָדער היסטאָרישע „השגחה" האָט אונז מחמת די אָדער אַנדערע טעמים געמוזט אַריינשטעלן אין דער דאָזיקער גלות־רעאַליטעט, אַז ס'איז אַ מחייה אָפּצוריכטן גלות און ס'איז געוואונטשן צו פאַראייביקן דעם דאָזיקן סטאַטוס לעולם ועד... איך פערזענלעך האַלט אויך, אַז מיר וואָלטן געווען אַ סך גליקלעכער, ווען אונזער אינדיווידועל און פאָלקיש לעבן וואָלט געווען פריי פון אַלע אַנאָמאַליעס... אָבער, ווען איך האָב פאַר מיר די מאָדערנע אידן־פראַגע אין איר טאָטאַליטעט, קען איך נישט אַקצעפּטירן דעם ריינעם „קללה־קוק". גלות איז ביי מיר ‚גלות', אונזער ווירקלעכקייט, נישט קיין ברכה און נישט קיין קללה, נאָר אַ פאַקט פון אויסערגעוויינטלעכער חשיבות"...[1]

שמעון ראַווידאָוויטש האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט זיין אַ „נאה דורש", ביי'ערט ער איז געווען אַ „נאה מקיים", ווי ס'זאָגן עדות די צוויי בענד פון זיין היסטאָריאָסאָפיש ווערק „בבל וירושלים". די צוויי בענד „בבל וירושלים" זיינען אַן אידייאישער סינטעז פון היסטאָריאָסאָפיע און פובליציסטיק, ווייל יעדער תוכיקער אידישער געדאַנק וואָרצלט תמיד אין די טיפענישן פון אַ באַשטימטער אידישער ווירקלעכקייט און איז נישט קיין רעזולטאַט פון פילאָסאָפישע אַבסטראַקציעס. דער הווה איז די בריק צווישן עבר און עתיד, און אַז מען טראַכט וועגן די נצח־פּראָבלעמען פון אידישן קיום, מוז דער היינט זיין דער קאָנקרעטער אָנשפּאַר פון דעם היסטאָריאָסאָף, וואָס וויל געבן אַ פירוש צום מאָרגן.

ראַווידאָוויטש האָט אין „בבל וירושלים" אַרומגענומען און דורכגעדרונגען דעם פולן היקף פון דער אידישער געשיכטע. אין זיין אידייען־וועלט זיינען ירושלים און בבל רעפּרעזענטירט נישט ווי היסטאָרישע סימבאָלן, נאָר ווי

1) די פּראָבלעמאַטיק פון באַגריף גלות — ייוואָ־בלעטער, נ"י, באַנד 21, נומ' 2, מאַרץ־אַפּריל, 1943; דער אידישער געדאַנק אין דער נייער צייט, באַנד 1, געזאַמלט און רעדאַקטירט פון אַברהם מענעס, אַרויסגעגעבן פון אַלוועלטלעכן אידישן קולטור־קאָנגרעס, נ"י, 1957, ז"ז 320־327.



די הויפּט־פאַקטאָרן אין דער געשיכטלעכער אַנטוויקלונג פון די אידן ווי אַ פאָלק און פון זייער קולטור. שטיצנדיק זיך אויף אונזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער היסטאָרישער דערפאַרונג, קומט ראַווידאָוויטש מיט באַווייזן, אַז אומעטום וואו אידן האָבן געמאַכט אַ פּרואוו איבערצורייסן די ירושלים־בבל טראַדיציע, האָט דאָס גורם געווען דעם געגעבענעם קיבוץ דעגענעראַציע און פונאַנדערפאַל. דערפאַר קומט ראַווידאָוויטש צום אויספיר, אַז נאָר דער סינטעז פון ירושלים און בבל קען דערמעגלעכן שאַפערישן המשך און נאַציאָנאַלן קיום, ווייל דער דאָזיקער סינטעז מיינט שותפות און אַחדות פון כל ישראל.

דאָס אידנטום, ווי מיר קענען עס, איז אַ גייסטיקער פּראָדוקט פון דער תקופה, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין דער צייט פון שיבת ציון נאָך גלות בבל, אין די בראשית־טעג פון צווייטן בית המקדש — דאָס איז דער יסוד פון ראַווידאָוויטשעס היסטאָריאָסאָפיע און דאָס איז זיין אויסגאַנג־פּונקט. ער ווייזט־אָן, אַז די תקופה פון בית שני האָט געגעבן דעם אידנטום דעם עול, דעם דיסציפּלינירנדיק־נאַציאָנאַלן יאָך פון קאָנקרעטע מעשים. אין אַלע פאַלן, ווען אידן ווילן זיך באַפרייען פון דעם דאָזיקן דיסציפּלינירנדיקן עול, נעמען זיי זיך אידענטיפיצירן מיט דער תקופה פון בית ראשון. ראַווידאָוויטש דערמאָנט דערביי, לדוגמא, די השכלה און דאָס רעפאָרם־אידנטום, און די היינט־צייטיקע „כנענים", וואָס האָבן געגעבן אויסדרוק דער שטרעבונג אָפּצוזאָגן זיך פון דער גייסטיקער ירושה, וואָס מיר האָבן באַקומען אַ דאַנק דעם היסטאָרישן סינטעז פון ירושלים און בבל אין אונזער נאַציאָנאַל־היסטאָרישער אַנטוויקלונג.

אַחד העם האָט אין אונזער נאַציאָנאַלער אידייען־וועלט איינגעפלאַנצט די טעאָריע פון „מרכז רוחני" — פון דעם נאַציאָנאַל־טעריטאָריעלן צענטער, ווי קליין ער זאָל נישט זיין, ווי דער גייסטיקער צענטער פון דעם גאַנצן עם ישראל אין זיין צעשפּרייטונג. די דאָזיקע שיטה האָט ראַווידאָוויטש אָפּגעפרעגט נאָך איידער ס'איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די זעלבסטשטענדיקייט פון מדינת ישראל; און נאָכדעם ווי די אידישע מדינה איז געוואָרן אַ פאַקט, האָט ער גענומען די פּראָבלעמאַטיק פון דער אידישער קעגנוואַרט צו באַקרעפטיקן זיין איינשטעל, אַז קיין שום קיבוץ אידן, אַפילו נישט דער אידישער ישוב אין דעם נאַציאָנאַלן היימלאַנד פון אידישן פאָלק, קען נישט קריגן די העגעמאָניע איבער די אַנדערע טיילן פון אונזער אומה. די גלייכקייט און שותפות פון מדינת ישראל מיט די אידן אין די תפוצות האָט ראַווידאָוויטש געפאָדערט און באַטאָנט אין זיינע שריפטן אויף העברעאיש און אויף אידיש. ער האָט דערפאַר אָפּגעפרעגט דאָס רעכט פון דער אידישער מדינה זיך צו רופן מיטן נאָמען „ישראל", ווייל „ישראל" איז דער היסטאָרישער נאָמען פון גאַנצן אידישן פאָלק. וואָס איז שייך דעם פּראָבלעם „צענטער" און „תפוצה" האָט ראַווידאָוויטש אָפּגעוואָרפן די גאַנצע קאָנצעפּציע פון „געבן" און „נעמען" בכלל. ער האָט אָנגעוויזן:

„— — — יעדער קיבוץ שאַפט און באַמיט זיך צו שאַפן דאָס אידישע לעבן, אויף ווי ווייט ער קען און אויף ווי ווייט מען לאָזט אים, אַזוי ווי ער וואָלט געווען אַליין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם גאַנצן לעבן און שאַפן פון פאָלק ישראל. — — — מען מוז מאַכן אַ קלאָרן, פּרינציפּיעלן אונטערשייד צווישן ארץ ישראל, דאָס לאַנד ישראל, און דעם אידישן ישוב פון ארץ ישראל (אָדער מדינת ישראל). ארץ ישראל ווי אַ לאַנד פאַרנעמט אַזאַ אָרט אין אידישן באַוואוסטזיין, פון אַברהם אָבינו ביז טעאָדאָר הערצל און דוד בן־גוריון, וואָס קיין אַנדער שטיקל ערד האָט נישט פאַרנומען און וועט נישט פאַרנעמען.

— — — אַן אַנדער זאַך, אָבער, איז דער איד, זיינען די אידן פון מדינת ישראל. זיי, די בני אַברהם, יצחק ויעקב, וואָס לעבן דאָרט, האָבן נישט מער די ווערט ווי די בני אַברהם, יצחק ויעקב אין די תפוצות. — מען טאָר קיינמאָל דעם עיקר נישט פאַרגעסן: מדינת ישראל איז נישט דאָס פאָלק ישראל, נאָר אַ טייל פון פאָלק ישראל, נאָר אַ שבט; אַ גרויסער שעפערישער שבט — אָבער נאָר איין רינגעלע אין דער קייט פון ישראל, וואָס האָט אַ סך רינגעלעך, און אַלע האָבן דעם זעלביקן משקל".

די צוויי בענד „בבל וירושלים" זיינען אַ ברייטער פירוש צו ראַווידאָוויטשעס גרונט־הנחה, אַז מיט דער באַצייכענונג „ישראל" מיינט מען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, און אַז די אידן פון מדינת ישראל און פון די תפוצות זיינען גלייכע אין שותפות און אין אַחריות צום פאָלק ישראל. אין הסכם מיט זיין דערמאָנטן איינשטעל האָט ראַווידאָוויטש געפאָדערט אַ נייע אָריענטאַציע אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. ער האָט גערופן די ציוניסטישע באַוועגונג אויפצוגעבן איר „שלילת הגלות", זיך באַפרייען פון אָרגאַניזאַציאָנעלע טראַדיציעס, וואָס זיינען איצטער בלויז אַ באַלאַסט פון דער פאַרגאַנגענהייט, און זיך פאַרנעמען מיט פּאָזיטיווע מעשים צו שטאַרקן דאָס אידישע לעבן אין די תפוצות. מדינת ישראל וועט נישט געווינען פון קיין צדקה־ציוניזם, און נישט פון אַ לעבלעכער „קעגנוואַרטס־אַרבעט" אין גלות מצד די ציוניסטישע גרופּירונגען, — ניערט די אידישע מדינה וועט געווינען בלויז פון אַ שעפעריש אידיש לעבן איבער גאָר דער וועלט, האָט ער אָנגעוויזן אין אַן אָנרעגנדיק קאַפּיטל פון „בבל וירושלים".

כאָטש אין זיין גאַנצן וועזן אַ העברייער, האָט דער פאָלקיש־פאָלקסטימלעכער איינשטעל פאַרהיט ראַווידאָוויטשן פון נעגאַטיווער באַציאונג צו אידיש. אין די וויכוחים און אָפּהאַנדלונגען וועגן קיום האומה, האָט ער אַ סך פון זיינע הנחות געגרונטפעסטיקט אויף אידיש־יצירה און אויף אידישע שפּראַך־ווערטן, און ער אַליין איז געווען אַ שאַפערישער סטיליסט אויף ביידע לשונות.

פון די הויכע ספרים פון אידישן געדאַנק האָט ראַווידאָוויטש באַטראַכט די אידישע אומה און אירע קיום־פּראָבלעמען. ווייל ער האָט געקוקט פון די היסטאָריאָסאָפישע הויכן, האָט ער געקענט זען דאָס גאַנצע פאָלק און האָט אויך געקענט זען די אייגנשאַפטן, וואָס קענען צעמענטירן די אַחדות פון אידישן פאָלק און די אייגנשאַפטן, וואָס קענען פאַרוואַנדלען דאָס פאָלק אין צעטיילטע שבטים. ער האָט געזוכט און געפונען דאָס סאַמע עיקרדיקסטע, דאָס אומבאַדינגלעכע פאַר דעם קיום פון אידן אין זייער פאַרשפּרייטונג צווישן די אומות העולם. זיין מחשבה איז געווען אינספּירירט פון אידישער נאַציאָנאַל־גייסטיקער נצחיות.



אפרים אויערבאַך

# דער פיבער פונעם ליד

## וועגן אַברהם סוצקעווערס פּאָעמע „גייסטיקע ערד"

פייגל זיינען דאָ, וואָס פליען שטיל, גראַציעז, קוים וואָס מען זעט־אָן דעם באַוועג פון זייערע פליגל. ווידער זיינען דאָ פייגל, וואָס זייער פלי איז אַ פיבערדיקער, וואָס איר זעט און שפּירט, אַז זיי זיינען ממש קראַנק אויף פליען. איר באַוואונדערט ביידע מינים פלי, נאָר די באַוואונדערונג איז אַן אַנדערע: אינעם רואיקן פלי באַוואונדערט איר דאָס מאַיעסטעטישקייט פונעם פויגל, ווי ער שניידט די לופט מיט אַזאַ לייכטקייט, מיט אַזויפיל גראַציע. אינעם אימפּעטיקן פלי ווערט איר אָנגעפילט מיט אייגענער אומרו, איר פּיבערט־מיט מיטן פויגל, וואָס שרפעט־דורך די לופט מיט זיינע פליגל.

אינעם לייענען אברהם סוצקעווערס נייע פּאָעמע „גייסטיקע ערד" לעבט איר איבער דעם פּאָעטס פיבער ביים שרייבן די לידער. דער מייסטער פונעם געצוימטן פערד האָט אין דער פּאָעמע געדאַרפט בייקומען די הויכע פּאָעטישע טעמפּעראַטור ביים שרייבן, כדי דער פערד זאָל גיין אין חדר פון מאָס־און־וואָג, און צו דער אייגענער צייט האָט ער זיך געריסן צום פליענדיקן וואָרט.

מיר האָבן נישט קיין גראַדעשניק צו מעסטן פּאָעטישע טעמפּעראַטור, אָבער מיר שפּירן זי, די טעמפּעראַטור. מיר שפּירן סוצקעווערס טראַנס, בעת ער האָט געשריבן די אָנגעגליטע שורות. סוצקעווער פיבערט מיטן וואָרט און אַמאָל טרעפט זיך, אַז דער וואָרט־פיבער זאָל ביי אים פאַרברענען דעם תוכן. ער דערגייט צו דער הויכער פּאָעטישער מדרגה, אַז ער זאָל אין זיין מייסטערשאַפט בלייבן ממש אָנהויבעריש הילפלאָז. בין איך זיך מודה, אַז אין „גייסטיקע ערד" איז מיר די הילפלאָזיקייט געווען אַן אָפּפריש, וואָרים דורך איר האָב איך געזען דאָס וואָרט־געראַנגל ביי אים, דעם אָפּשוואַך פונעם פויגל אינמיטן זיין פיבערדיקן פלי.

די פּאָעמע האָב איך געלייענט, איבערגעלייענט און ווידערגעלייענט און ביי מיר איז געבליבן פונעם גאַנצן סכום דער אָטעם פון פּאָעזיע, דער אַראָמאַט פון פּאָעזיע, דער אָרקעסטער פון פּאָעזיע. געלייענט פריער לידערווייז, דערנאָך קאַפּיטלווייז, דערנאָך אין איין אָטעם דאָס גאַנצע בוך. דערנאָך — דער מצב פון הציץ ונפגע. עפּעס האָט זיך אין מיר אויסגעלייטערט און עפּעס פאַרטונקלט. אַוודאי, אַז איר לייענט־איבער אַ פּאָעטיש ווערק און אַ לאַנגע צייט זענט איר אונטער דער ווירקונג פונעם געלייענטן, איז עס אַ סימן מובהק, אַז דאָס ווערק פאַרמאָגט אין זיך דעם עכטן פּאָעטישן שטאָף. אַנישט וואָלט די ווירקונג נישט געווען אַזאַ באַצווינגענדיקע. נאָר אַז איך האָב זיך אָנגעהויבן צו צעטרייבערן, בין איך אַלץ נישט געקומען צום סאַמע קערן פון דער ווירקונג. מיט וואָס האָט מיך סוצקעווער באַצוואונגען? מיט דער אידייע? מיט די באַזונדערע לידער? מיטן אינטענסיווקייט פון די פערזן? איז וואָס איז נוגע דער אידייע איז זי מיר נאָך אַלץ געבליבן פאַרטונקלט. סוצקעווער, דאַכט זיך מיר, טראַכט נישט אויס קיין אידייע פון אַ פּאָעמע, ער זינגט זי אַריין אינעם ליד. נישט אַלעמאָל אָבער זינגט די אידייע אַרויס צוריק פונעם ליד. ער איז דער פּאָעט, וואָס רעכנט־אויס אַ ליד, אָבער אין שרייבן באַוועל־

טיקט אים דאָס ליד און דער אָנהויב חשבון ווערט־אָן די וואָגיקייט פונעם פאַרטראַכט.

איז כאָטש איר שפּירט, אַז עפּעס איז אויסגערונען אינעם פאַרטיקן ליד, האָט איר אָבער די הויכע פּאָעטישע הנאה פון דער רייכער פאַנטאַזיע, וואָס ווערט פאַר זיך אַליין אידייע. סוצקעווער איז בילדלעך סימבאָליש. אין דער ערשטער טייל פון דער פּאָעמע, „אויפן ים, ביים געבורט פון לעגענדעס״, דערציילט ער, — נישט שייך צו זאָגן דערציילט, ער פיבערט־אויס, — די נסיעה קיין ארץ־ישראל, אין 1947, אויף דער שיף „פּאַטריאַ״. מאָלט ער דעם קאָשמאַר פון דער נסיעה און אין צוואַנציק צען־שורהדיקע לידער, עטלעכע פון זיי אין ריטמישער פּראָזע, וואַקסט־אויס פאַר אונז דאָס אומגליק פון דער שיף, אַ צאָל מענטשן, דעם ים. דערציילט ער פון דער זקנה מאַטלע, וואָס „אַ פיאָלעטער הייפּטל קרויט — איר פּנים״, ווי זי דערציילט, אַז אָנשטאָט די אייניקלעך האָט זי געראַטעוועט פון סלאָנים אַ ליאַלקע. זי פירט זי, די ליאַלקע, „אַ מתנה דער מאַמע רחל״ און דאָ קומען צוויי שורות, וואָס כאַראַקטעריזירן דעם פּאָעטס פאַנטאַסטישן סימבאָליזם —

זי וויזט די ליאַלקע, און צו דער לבנה
שפּאַצירט אַ זילבער־אייניקל פּאַוואָליע.

איז אין די צוויי שורות דאָ די שיין פון אונזערע אומגעקומענע. דאָס דערהויבנקייט פונעם קרבן איז דאָ. אויך די איבערלעבונג פון דער זקנה, וואָס איז שוין אפשר נישט ביים פולן פאַרשטאַנד. איז עס אידייע? ניין, עס איז וויזיע, וואָס פון איר וואַקסט־אַרויס אידייע.

צום ים זאָגט דער פּאָעט:

נישט איך — נאָר וואונדן זינגען דיר אַ הימען,
ווי מושלען, וואָס געדענקען נאָך די דנאָען.

בלייב איך דאָ שטיין און טראַכט: דעם פּאָעטס וואונדן, וואָס האָט גע־לאָזט הינטער זיך דעם אידן־חורבן אין מזרח־איראָפּע, איז מיר קלאָר. פאַר־וואָס אָבער, „ווי מושלען, וואָס געדענקען נאָך די דנאָען״? נאָר אַז איר כאַפּט דאָס טראַנסישע בילד, הויבט איר אָן פאַרשטיין, אַז דער פּאָעט האָט דאָ גע־וואָלט פאַרגלייכן דעם אָפּרייס זייַנעם פון דער היים־ערד צו די מושלען, וואָס מען רייסט זיי אַרויס פון דער ים־טיפעניש. דעמאָלט עפענען פאַר אייך די צוויי שורות אַ וועלט מיט ווייטעניש און נאָענטקייט, איר שפּירט אַ סך מער די וואונדן פונעם פּאָעט, וואָס זינגען דעם ים אַ הימען.

אין עטלעכע שורות נאָר גיט סוצקעווער איבער זיין אייגענע שטימונג אויף דער „פּאַטריאַ״, אין שייכות מיט ארץ־ישראל. ער איז נישט קאַרג אויף ווערטער, אָבער די ווערטער ווערן ביי אים קאַרג, זיי קאָנדענסירן זיך, אַז וואָס מער פּאָעטיש ליכט זאָל פון זיי אַרויסשיינען. די „פּאַטריאַ״ איז ביי אים אַ „שיף מיט גייסטער״, וואָס די לבנה האָט נאָך אַזאַ נישט געזען. איז ער, איינער פון די גייסטער, זאָגט:

פאַרברענטע פּערל זאַמל איך און סיליע,
און וועל זיי אָנטאָן אין ירושלים
אַ יונגער דאָרט־געבוירענער פאַמיליע,
אַ רעגנבויגנדיקן שטאַם אַ נייעם.



די „פּאַטריאַ״ וואָלט פאַר זיך אַליין געווען גענוג פאַר אַ גרויס־עפּישער פּאָעמע. סוצקעווער, דער ליריקער, נעמט זי אַרום מיט אַ דריי הונדערט שורות און פונעם צימצום איז דאָס ליכט שאַרפער, עס איז דער אור הגנוז פון מענטש־טראַגעדיע, וואָס נאָר מיט אַ בלינצל עפנט ער די גאַנצע טיף, אפשר נאָך טיפער ווי דאָס אַ סך־געגרעדטע, אַ סך־דערציילטע.

די צווייטע טייל פון דער פּאָעמע, „די סאַברעס בליען״, הויבט זיך אָן מיט אַ כמעט־רעאַליסטיש ליד, ווי דער פּאָעט איז ביים ברודער, אין אַ הויז ביי שייך־אברעק און, ווי „זיין יום־טוב מיט אַ הויפן אַש באַלוין איך״. נאָר ביים פענסטער זעט דער פּאָעט אַ פייגנבוים און ביי אים רייסן זיך אַרויס צוויי שורות —

אַ פייגנבוים דאָס איז דער עץ החיים,
באַבלעטערט מיט אַ אידן־דור אַ נייעם.

דאָ איז כדאי זיך אָפּצושטעלן אויף סוצקעווערס גראַמען. אַמאָל דאַכט זיך אייך, אַז ער שרייבט אַ שורה, כדי צו איר זאָל זיך צופּאַסן אַן אומגעריכ־טער גראַם. אין דריטן ליד פון דער צווייטער טייל גראַמט ער געהיימע מיט תרדמה. איר ווערט פונעם גראַם געפּלעפט און איר אַנאַליזירט אים, ביז איר זעט, אַז דער אויסגעוויינטלעכער גראַם איז דאָ אַריינגעוואַקסן אינעם ליד. ער דערציילט ווי ער איז אין אַ הייל. דאָס גאַנצע ליד איז אָנגעהויכט מיט הומשדיקן דרעמל, דערפאַר איז אַזוי נויטיק געווען דאָס וואָרט תרדמה. איר זענט אָבער אין ספק, צי דער גראַם פּיטום מיט ריטעם אין זעקסטן ליד איז אַזוי צונויפגעוואַקסן. „ס׳האָט די זון אַ פּיטום״, זאָגט סוצקעווער, אָבער אַפילו אַז „די לאַנדשאַפט איז אַ לולב׳דיקע״, קענט איר נאָך אַלץ נישט זען די זון מיט אַ פּיטום. ווייז איך דערפאַר אָן אויפן דאָזיקן גראַם, וואָרים דער רוב, טאַקע דער גרעסטער רוב, גראַמען ביי סוצקעווערן איז ניי, פריש, אומגעריכט און איר שפּירט, אַז זיי זיינען אַלטע תושבים אין זיין פּאָעטישן קעניגרייך. מכח דעם גראַם איז דאָ אַ סך צו זאָגן, נאָר דאָס האָט שוין באַרירט אהרן ציטלין אין „סביבה״, — בצימצום, אָבער תוכיק.

כאַראַקטעריסטיש פאַר סוצקעווערן איז דאָס ליד־באַוואוסטזיין ביי אים. אַזוי דערציילט ער, ווי אין אַ הייל איז אים באַפאַלן אַ קאָשמאַר, געדאַכט האָט זיך אים, אַז וועלף ווילן אים פאַרצוקן, איז מיט וואָס וויל ער אָפּקויפן דעם אויסגעפאַנטאַזירטן באַשיצער? —

אויב דו וועסט מיך באַשיצן פון די חיות,
באַצאָלן וועל איך דיר מיט גרויסע לידער
ביים כרמל, ביים געזאַלבטן הר־הבית,
אַז יעדער שטיין וועט שפּרינגען ווי אַ ווידער.

איז כאָטש ער זאָגט אַליק, אַז ס׳איז אַ „דיכטערישע העזה״, איז אָבער די העזה פון אַ פּאָעט אויך אַן אָנווייז אויף זיין ליד־באַוואוסטזיין. קיין שום וואָרט קומט נישט סתם אין דער וועלט אַריין, ס׳האָט טיפע פּסיכישע וואָרצ־לען. בפרט דאָס פּאָעטישע וואָרט. ביי אַן אַנדער פּאָעט וואָלט אַזאַ באַצאָלעכץ אויסגעקומען אי גרויס־האַלטעריש, אי אָפּגעפרעגט, צי מיט לידער באַצאָלט מען פאַר באַשיצן פון חיות. ביי סוצקעווערן אָבער, וואָס פיבערט מיטן ליד און דאָס ליד־באַוואוסטזיין איז ביי אים אפשר דאָס סענסיטיווסטע געפיל, איז אַזאַ זאָג אין גייסט פון זיין גאַנג.

אין דער פּאָעמע זיינען דאָ סענטענצן, וואָס שניידן זיך אַריין מיט זייער

קורצקייט און פיל־זאָגעוודיקייט. אַז ער רעדט מיטן חבר זיינעם, זמירי, זאָגט אים דער טשיקאָווער פאַרשוין:

...אָט איז מיין אידייע —
געהער צו דער פאַרטיי פון זיסע פייגן
און בלויז אַ בוים זאָל זאָגן דיר די דעה...

וואָס איז די „פאַרטיי פון זיסע פייגן”? איר ווייסט נישט, נאָר איר שפּירט, אַז דער זאָגער לעבט־איבער טיף און בילדעריש זיין אָנגעהעריקייט צו ארץ־ישראל.

סוצקעווער דערציילט פון זיינער אַ באַגעגעניש מיט אַרנאָלד צוויגן, וואָס האָט עטלעכע יאָר געלעבט אין ארץ־ישראל. אויף אַ מייסטערדיקן אופן מאָלט ער דעם מחבר פון „סאַרזשענט גרישע”, וואָס איז שוין אַ האַלב־בלינדער, וואָס זאָגט, אַז „די זון איז צו דעמאָניש”. אַרנאָלד צוויג זאָגט אים, אַז „די מענטשן וואָלטן דאָ געווען פיל בעסער, ווען ס'וואָלט זיי נישט די זון צעשניטן מיט איר הייסן מעסער”. דער זאָג איז פּאַראַדאָקסישער, אָבער כאַראַקטעריסטיש פאַרן אַלטן דייטש־אידישן שרייבער, וואָס אין ארץ־ישראל האָט ער אי אָפּגע־ריכט גלות, אי געווען אין דער היים.

די גאַנצע צווייטע טייל איז דעם פּאָעטס איבערלעבונג ביי זיין אָנקום אין דער מדינה. איר פילט, אַז קיין היסטאָריש־טראַדיציאָנעלן צונויפבונד מיט איר האָט ער נישט. ער האָט נישט אויסגעזונגען דעם נאַציאָנאַלן פּאַטאָס פון צוריקקער אין לאַנד. ער איז נישט אָנגעגליט מיטן פייער פון דער שיבת־ציון אידייע. ער איז אָבער בייגעקומען דאָס קאָלטקייט פונעם גדאַנק מיט צייכענען מענטשן און סיטואַציעס אויף זיין אייגענעם, שטריך־ברענענדיקן שטייגער. איר שפּירט אויך, ווי ער ראַנגלט זיך אַריינצולעבן דאָס לאַנד אין זיך און, ביי סוצקעווערן, איז אַריינלעב — געזאַנג. איז דאָס געראַנגל זיינס זיך צו דערהויבן צום געזאַנג.

צייכנט ער מענטשן און צוויי מענטשן בלייבן ביים לייענער טיף איינ־געשניטן אין זכרון, אין דער שטימונג. איינער איז דער פלמ"ח־גענעראַל יצחק שדה און דער צווייטער — מאַניע שוחט־ווילבושעוויטש. יצחק שדה'ן צייכנט ער אַזוי:

דער שטאַלטנער מאַן, באַהאָנגען מיט קאָלעגן,
ווי פייגל אין אַ שטורעם אויף אַ צעדער,
ציט־אויס אַ שווערע באָקסערהאַנט אַנטקעגן
און מיטן דריק — נישטאָ שוין מער קיין גדר.

שדה איז אַ גענעראַל און אַ מיסטיקער. אַ קריגסמאַן און אַ פּאָעט. סוצ־קעווער דערציילט, ווי דער העלד פון באר שבע קומט צו אים אין אַ נאַכט, בעת אַ חברה זיצט אין שטוב, און זאָגט, אַז פונדאַנעט וועט ער מוזן וואַרפן גראַנאַטן אויפן שונא. אַז סוצקעווער דערציילט פון אַ גראַנאַט־אויפרייס, ביים טויער פון הדסה־שפּיטאָל, טראָגט אים ווידער אַוועק די פאַנטאַזיע צו דער לבנה —

אַ האַנטגראַנאַט... ס'איז לעבן דזשעבעליע...
לבנה קוקט אין פענסטער פון שפּיטאָל און רייסט זיך קריעה.

איז כאָטש דער גראַם דזשעבעליע און קריעה איז אַזאַ אויסטערלישער, איז ער אָבער ביי סוצקעווערן אין נוסח פון זיינע פּאָעטישע וויזיעס און דער



לבנה'ס קריעה ווירקט אויף איך אַ סך מער, ווי אַז ער וואָלט געמאָלן, וואָס אין שפּיטאָל האָט זיך אָפּגעטאָן.

און ווי מאָלט ער מאַניע שוחט? —

...דאָס פּנים שלאָגט מיט האָרעוואַניע.
אַ זילבער־פּעכער איז דער טשוב, דער שויבער.

דאָס קאַפּיטל הייסט „די סאַברעס בליען” און אין 36טן ליד קומט סוצ־קעווער צו די סאַברעס, די שטעכיקע פלאַנצן, וואָס אויף זיי וואַקסן די בלייכ־גאָלדיקע פּרוכטן. די סאַברעס זיינען ביים פּאָעט דער סימבאָל פון פייער־דיקע פאַרבן —

אַ גאון, ווען מע נעמט אַראָפּ זיין שאַרבן,
באַדאַרף זיין מאַרך אַוודאי קאָכן מיט אַזעלכע פאַרבן.

דאָס געזאַנג פון די סאַברעס איז איינס פון די שענסטע אין בוך און דאָ וויל איך זיך פאַרגינען צו ברענגען אַ פול ליד, וואָס גיט־איבער דעם פּאָעטס פיבער און איז פול מיט אַ מין געלייטערטער עראָטיק, וואָס זייער אָפּט מאָלט מיט איר סוצקעווער נאַטור־דערשיינונגען:

צונויפגעקלעמטע סאַברעס בליען, בליען.
באַשטאָכענע מיט נאָדלען בריסט און היפּטן, —
געוויקסן, האַלב פאַרוואַנדלטע אין זי'ען,
וואָס קיינער קושט נישט אויס די הייסע גיפּטן.
בלויז ווילדע רויזן טוליען זיך צו זייער
פאַרבענקטן לייב, צערייצט ווי בלינדע שלאַנגען.
אַ רעגנהאַנט אַנטהילט נאָך נישט דעם שלייער
כדי צו לעשן זינדיקע פאַרלאַנגען.
די סאַברעס ברענען אין די נעכט. ביז וואַנען
די קנויטן זייגן־אויס די הערצער, און די סאַברעס וויאַנען.

איבערן גאַנצן קאַפּיטל, וואָס פאַרנעמט זיבעציק צען־שורהדיקע לידער, איז קיין פרייד נישטאָ — די פרייד פון קומען אין אייגענעם לאַנד. דעם פּאָעט גייט אַלעמאָל נאָך דער שאָטן פון אומקום. ביי אים זיינען „אַלע ווייסקייטן געקוילעט און צעטראָטן”. דער עיקר אָבער איז, וואָס ער האָט נישט געפונען אין זיך די אידייע, נאָר דאָס געזאַנג איבער איר.

די דריטע טייל, „דער חלום פון אַ גאָלדשמיד”, הויבט זיך אָן דורכאויס מיט סימבאָליק. סוצקעווער נעמט אַן אַלטן גאָלדשמיד אין ירושלים, וואָס האַמערט־אויס אַ גילדענעם בעכער, און דורך אים וויל ער אויסהאַמערן זיין אייגענעם אַריינוואַקס אין ישראל. און, אַז ער איז ביים קבר רחל, דערציילט ער דער „מאַמע־סערדצע” אַז „סקעלעטן ווערן אָנגעפליישט מיט פליגל, און שיפן ברענגען שטיקער פאָלק אַהערצו”. זיין טעכטערל, זיין רינה, דערציילט ער דער מאַמע רחל, אַז זי האָט אים געזאָגט, אַז „אין קינדערגאָרטן בליט אַ נייע בלום, וואָס הייסט: מדינה”.

די סעריע, „דער חלום פון אַ גאָלדשמיד”, איז דאָס געזאַנג פונעם אויפ־קום פון דער מדינה. דאָ שפּילט דער פּאָעט אויף אַלע סטרונעס פון זיי פיבער־דיקער פאַנטאַזיע. דאָ האָט ער שורות, וואָס איר גייט זיי נאָך און ווילט זיי אָנטאַפּן צי זיי זיינען רעאַל —

באַווין נישט רויזן, אַז סע ברענען וועלדער,
האָט אָנגעזאָגט אַ זעערישער פּייטן.
קיין וועלדער זיינען דאָ נישטאָ, נאָר פעלדער...
און ס׳וואַקסן איבער זיי געדיכטע צייטן...

פעלדער, וואָס איבער זיי וואַקסן געדיכטע צייטן, — אַ סימבאָל, וואָס איז אי אין אימאַזש רעאַליסטיש, אי ער טראָגט אייך אַוועק אין די ווייט־טיפענישן פון דער אידישער געשיכטע.

סוצקעווער איז דער פּאָעט פון עקזאָטיק און, אַז ער זעט אַ פּשוט וועלדל פון אָליוון־ביימער, ווערט ביי אים אַן עקזאָטיש־דורכגעברענטער אימאַזש:

כ׳האָב ליב אַן אַלטע סעקטע אַ גלילער, —
צונויפגעלעבטע אײלבירטביימער לאָמע.
איך בין אין זייער שול אַ נייער שילער,
פאַרנעם אַ לעקציע: „בוימישע נשמה״.

ער דערזינגט זיך צו „געדאַנקען פון אַן איילבירטבוים״, וואָס פירן אים אַוועק צום בלעטל פון נח׳ס תיבה, וואָס די טויב האָט געבראַכט צו טראָגן אין איר מויל.

לידער פון צפת האָבן מיר שוין געלייענט אַ סך, אָבער וויפל פלי סע איז דאָ אין סוצקעווערס צפת, — „פאַראַן אַ שטאָט, אַן אָדלערנעסט אַ היכצע, געהעקלט אויף אַ סקאַלע סאַמע צפון. צו זען דעם אָדלער איז נישט יעדער זוכה, פאַרהוילן מאַכט ער ציטערן אין־סופן״.

וואָלט איך דאָ געקענט ברענגען נאָך אַ סך מוסטערן פון סוצקעווערס פלי־פאַנטאַסטיק, נאָר צוקומען צום סוף, צום „עפּילאָג״, געפין איך ווי ער זאָגט זיך אַליין אַרויס:

פאַרוואָר, איז מיר באַשערט אין מדבר שטאַרבן,
איז בלויז פון דאַרשט — נאָך דינסטע קלאַנגען, אויסגעבענקטע פאַרבן...

„די דינסטע קלאַנגען, אויסגעבענקטע פאַרבן״ זיינען סוצקעווערס פיבערדיקע פּאָעזיע. זיי זיינען דאָס בלוט אין די אָדערן פון דער פּאָעמע „גייסטיקע ערד״. זיי פילן אייך אָן מיט דער אומרו, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט איבערגעלעבט ביים שרייבן די שורות.

פּאָעטן זיינען דאָ, וואָס ראַנגלען זיך צוצוקומען צום וואָרט. זיי האָבן אין זיך די איבערלעבונג פון אויסדרוק, נאָר זיי דאַרפן אים אַרויסרייסן, זיי דאַרפן מיט געבורט־ווי געבוירן דאָס וואָרט. ווידער זיינען דאָ פּאָעטן, וואָס דאָס וואָרט באַפאַלט זיי און זייער געראַנגל איז אַ פאַרקערטער: זיך אָפּצואווערן פונעם וואָרט־באַפאַל. אלה ואלה דברי שירה חיה. אַברהם סוצקעווער איז דער פּאָעט, וואָס ראַנגלט זיך קעגן דעם באַפאַל פונעם וואָרט.

די פּאָעמע האָט אַרויסגעגעבן דער פאַרלאַג „קוואַל״, וואָס ישראל לאָנדאָן האָט אָנגעהויבן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. דאַרף איך נאָך צוגעבן, אַז סיי דער אויסשטעל, סיי דאָס קלאָרקייט פון די אותיות און דער דרוק און דער בונד זיינען מיט אַ סך געשמאַק. די האָלצשניטן פון אַרטור קאָלניקן זיינען פון הויך־קינסטלערישער קוואַליטעט און דערהויבן זיך צום סימבאָליזם פון דער פּאָעמע.



קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

# לידער

## אייזערנער חלום

אין דור פון קופּער און פון שטאָל
איך פיטער נאָך דעם אייזעלע דעם ווייסן פון אַמאָל.

פון פייגל אייזערנע אין זייער רוישיקן געשאָל
איך הער נאָך אַלץ דאָס ליד פון זומערדיקן נאַכטיגאַל.

און דורך די וואָלקנס רויך, און שטויב, און קויט
איך זע דעם אַלטן בבל־טורעם ווי מען בויט.

עס ציען טרעפּ פון אַ קאַנווייער ערגעץ מיך אַרויף.
און כ׳פיל אין חלום אייזערנעם עס פליט מיין גוף.

וואוהין? — שריי איך — וואוהין? — איך שריי.
און ס׳ענטפערן מיר ליפּן צוויי געגאָסענע פון בליי:

איך וויים ניט וואו.
איך בין אַ גולם נאָר, אַט פונקט ווי דו.

און פון די גולם־ליפּן גיט אַ בליץ אַ בלענד,
און כ׳פיל ווי ס׳גולמען זיך מיינע פיס און הענט.

פון חלום אייזערנעם ס׳נעמט מיך אַרויס
דאָס ווייסע אייזעלע וואָס פיטערט לעם מיין הויז.

אַ בשורה אַ פאַרחתמטע ער האָט פאַר מיר.
פאַרשריבן איז די בשורה אויף אַ זון־פּאַפּיר:

„דער בבל־טורעם איז אַ חלום נאָר.
איך און דער נאַכטיגאַל זיינען די וואָרע וואָר״.

## אויף אַ שערבל

אויף אַ שערבל האָט אַ שטראַל זיך אָפּגעשפּיגלט.
אין דעם שערבל, אין צעבראָכנקייט אַ שיין.
ס׳האָט מיין פּנים אין דעם שיין זיך אויך פאַרריגלט
און באַהאַלטן דאָרט מיין ציטעריקע פּיין.

צי איז דער שטראַל געקומען בלויז פאַרנאַרן
אַ שערבל און אויך מיך?
ס׳איז אַ שפּאַס: ס׳קומט מיט געזאַנג דער ווינט פאַרשאַרן
פון שוועלן חרובע דעם לעצטן אָנגעזיכט.

נאָר גאָט אויף שערבל און אויף מיר איז זיך מרחם.
דעם שערבל נעמט דער שטורעם אין זיין דריי און פלי.
ער זינגט מיט אים אויף אַלע שפּראַכן
פון בליאונג און פון וועלקונג און פון ווידער־בלי.

און מיך אַ חלום פירט אַוועק צום קרוג.
איך זע אים גאַנץ אַ קוואַליקן מיט ווייַן.
צי איז דער שטורעם קלוג? צי איז דער חלום קלוג?
פון אַלע שערבלעך כ׳זע אין קרוג די פולע שיין.

## אַליין

איך בין אַליין אין מיין שטוב
און מיין לאָמפּ איז פאַרלאָשן.
כ׳שטרעק אויס די האַנט —
וויל עמעצן דערגרייכן,
און ס׳ענטפערן די ווענט:
שלום עליכם. שלום עליכם.

איך בין פאַרוואונדערט —
כ׳בין אַליין אין מיין שטוב
און מיין לאָמפּ איז פאַרלאָשן.
ווי קומט אַהער אַ וואָרט? אַ מענטשלעך לשון?
צי איז עס וואָר? צי ס׳איז אַ חוזק־צייכן?
און ס׳ענטפערט מיר דער דיל:
שלום עליכם, שלום עליכם.

איך בין פאַרוואונדערט און פאַרוואונדערט —
נישטאָ קיין פריינט און קיין ידידים,
ווער רעדט צו מיר מיט שלום און מיט פרידן?
מיט גרוס מיט ווייכן?
און ס׳רופט זיך אָפּ דער בײשטידל פון טיר:
שלום עליכם, שלום עליכם.

כ׳בין גאָר און גאָר פאַרוואונדערט —
עס מעלדעט זיך די שטוב מיט שטימען הונדערט,
פון ברעטל, און פון טשוועקל און פון פענצטער בלייכן:
שלום עליכם, עליכם ועליכם.

כ׳בין אַליין אין מיין וועלט,
און דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
נו, מילא. ס׳איז אָוונט.
און ס׳רופט צו מיר די ווייטקייט
פון וייטן, פון וויטן:
גוט־נ־אָוונט, גוט־נ־אָוונט.



איך בין פאַרוואונדערט —
כ׳בין אַליין אין מיין וועלט,
און דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
ווי קומט אַהער אַ וואונטש?
אַ וואונטש איז אויפגעגאַנגען.
כ׳שטרעק אויס מיין אָרעם —
און ס׳ענטפערט מיר פון מזרח, מערב, צפון, דרום,
פון ערגעץ אינדערהויך ווי פון אַן עמוד:
גוט־נ־אָוונט, און גוט תמיד.

איך בין פאַרוואונדערט,
כ׳בין גאָר, שוין גאָר פאַרוואונדערט —
כ׳בין אַליין אין מיין וועלט,
און דער טאָג איז פאַרגאַנגען.
די טונקלקייט איז ניט קיין ליכט.
דער אָוונט איז ניט קיין באַגינען.
ווער קומט מיר דאָ גוט־נ־אָוונט ביטן?
ווער קומט מיר גוטס דאָ גינען?
איך בין פאַרוואונדערט —
און ס׳ענטפערן מיר שטערן הונדערט:
מיר זיינען די מאורות פון דעם אָוונט.
מלמדים פון פאַרליבטע און בטלנים.
דער טאָג פאַרמיידט אונז, ווי ער האָט דיך פאַרמיטן,
מיר קומען דיר דערפאַר גוט־נ־אָוונט ביטן:
גוט־נ־אָוונט, גוט־נ־אָוונט און אריכת שנים.

*

יעקב פיכמאַן

# אהבת ישראל

(פראַגמענטן)

אין צייטן פון פורעניות אויף אידן איז די מידת הרחמים ביי אונז אויף אַ נאַטירלעכן אופן שטאַרקער פון דער מידת הדין. די יסורים פרעגן־אָפּ אַלע שטראָף־רייד קעגן אידן און די מידת הדין אַפילו ווערט ווייכער. דאָס אידישע פאָלק, וואָס זיין גורל איז אַזאַ ווי ער איז, איז נישט אַראָפּגעפאַלן אין זיין מאָראַלישער און מענטשלעכער מדרגה. פאַרקערט, מיט זיינע מידות דערהויבט זיך אַמאָל דאָס אידישע פאָלק העכער פון אַנדערע פעלקער וואָס לעבן אין וואוילטאָג. נישט אַנדערש, עס איז דאָ עפּעס אין דער אידישער נשמה וואָס באַשיצט זי פון פאַלן אַזוי אימהדיק נידעריק ווי זייערע שונאים פאַלן, און אויב אידן האָבן חסרונות — איז דאָס צדקות אין פאַרגלייך מיט די אימהדיקע זינד פון די פעלקער וואָס זיינען דער שטן־מקטרג אויף אונז.

די מחברים פון דער אַגדה זיינען געווען די לערער און די טרייסטער פון פאָלק — אין געוויסע הינזיכטן די יורשים פון די נביאים — האָבן זיך אונטערשיידט פון די נביאים דערמיט וואָס זיי האָבן באַטראַכט שטראָף־רייד ווי אַ חטא. עס זיינען פאַראַן ביי זיי אַ סך שאַרפע אויסדרוקן קעגן ישעיה הנביא און קעגן אַנדערע נביאים, וואָס האָבן אויפגעוואָרפן אידן זייערע זינד, מקטרג געווען אויף אידן. די בעלי־אַגדה פונקט ווי די גרינדער פון חסידות זיינען געקומען מלמד זכות צו זיין. מוראדיקע אומגליקן האָבן זיך אָנגערוקט אויפן פאָלק. און אין ביטערע צייטן דאַרף מען שטאַרקן די הערצער און ניט שיטן קיין זאַלץ אויף די וואונדן.

דאָס איז אַ מענטשלעכע מידה און אַ פאַרשטענדלעכע מידה. און כאָטש די מערסטע נביאים, און גראָד די גרויסע צווישן זיי, האָבן געלעבט אין צייטן פון פורעניות, פון חורבן (ירמיהו, יחזקאל און אַנדערע), האָבן זיי פונדעסט־וועגן ניט אָפּגעהאַלטן זיך פון שטראָף־רייד, פון זאָגן מוסר און פון וואָרענען. ווייל דווקא אין צייטן פון נסיון איז דאָ די סכנה פון מאָראַלישער ירידה — איז נויטיק אַהבת ישראל כדי גובר צו זיין דעם אומגליק. חסידות, וואָס איז אויפגעקומען נאָך די פּחדימדיקע שחיטות אויף אידן האָט געפּריידיקט אַהבת ישראל. זיי האָבן געזאָגט אַהבת ישראל היט אָפּ דאָס פאָלק, עס איז אַ שורש פאַר דער נשמה פון פאָלק וואָס ראַנגלט זיך פאַרן קיום, פאַרן רעכט פון לעבן. און ווען מען קומט דעמאָלט מיט שטראָף־רייד איז עס צעשטעריש.

ביזן היינטיקן טאָג באַוואונדערן מיר די אַהבת ישראל פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער מיט זיין דערהויבענעם איינשטעלן זיך פאַר אידן וואָס ער האָט געטאָן מיט אַזויפיל אידעלן הומאָר, ריינקייט פון האַרץ און לויטערקייט פון אויג, און וואָס האָט געקענט מיט זיין אומפאַרגלייכלעכער ליבשאַפט און חכמה אויסטייטשן יעדע עבירה פאַר אַ מצוה.

ווען מיר לייענען שלום עליכמען האָבן מיר אָפטמאָל דאָס געפיל אַז ער איז אַ מין וועלטלעכער ר׳ לוי יצחק: פונקט ווי דער וואונדערלעכער רב פון באַרדיטשעוו. וואָס איז געווען באַשאָנקען מיט אַ געטלעכן הומאָר, איז אויך שלום עליכם געווען געבענטשט מיט אַזאַ מין אַהבת ישראל וואָס שטאַמט פון אַ העכערן מין חכמה, פון אַ העכערער השגה. שלום עליכם, וואָס איז אויפגעקומען אין די אַכציקער יאָרן (פון פאָריקן יאָרהונדערט) אין אַ צייט פון גזירות אויף אידן, פון ביטערע אויסזיכטן פאַר זיי, איז ער אַנקעגן מענ־דעלען געווען דער גרויסער סניגור, דער גוט־שפּרעכער. שלום עליכם איז גרויס, זייער גרויס דערמיט, וואָס ער האָט ניט פאַרדעקט די אידישע חסרונות. נאָר זיין גאונישער הומאָר האָט אים געהאָלפן צו זען די אויסקרימונגען מיט די אויגן פון אַ ברודער וואָס דערזעט ווי אַ ברודער — ער האָט געהאַט די פאָלקס־ראיה און די פאָלקס־חכמה וואָס ברענגען אים אַריין אין דעם ליכטיקן קרייז פון ר׳ לוי יצחק באַרדיטשעווער.

אָבער שלום עליכם איז אונז טייער מיט מענדעלען, נאָך מענדעלען. דווקא נאָך מענדעלעס גרויסן מוסר־זאָגן, וואָס דאָס איז אויך געווען אַן אויסדרוק פון גרויס ליבשאַפט, איז אין שלום עליכמס פאַרגעביקייט געווען אַ מין געזונטע פאַרטיידיקונג — אַזאַ וואָס האַלט ניט די אויגן פאַרמאַכט, נאָר דער שטראָפער זעט עס ניט, און דאַרף דאָס אפשר ניט זען, כדי זיין שליחות זאָל זיין אַ פאָלקאָמע.

אַגב, וועגן מענדעלעס שטראָף־רייד און זיין „אַכזריותדיקייט" צום פאָלק



איז כדאי צו דערציילן, אַז ווען ביאַליק האָט פאַרפענטלעכט זיין „שחיטה־שטאָט", איז מענדעלע אַ לאַנגע צייט געווען אויפגעקאָכט אויף אים און האָט אים ניט געקענט מוחל זיין וואָס ער האָט גערעדט בייזע רייד אויף אידן נאָכדעם ווי רוצחים האָבן פאַרגאָסן זייער בלוט...

•

עס איז כמעט איבערדריסיק צו ריידן וועגן זאַכן וואָס זיינען זעלבסט־פאַרשטענדלעך, וואָס פאָדערן ניט קיין והראיה, ווי ס׳איז „אַהבת ישראל". פונקט ווי עס וואָלט געווען אַ גרויסע מעלה ווען אַ מענטש האָט ליב זיין פאָלק און איז גענייגט צו שטעלן אים העכער פון אַלע אַנדערע פעלקער. צי קומען ניט אַרויס פון דעם אַלע צרות, פעלקער־שנאה, די פאַטריאָטישע קליינקעפּלדיקייט וואָס זעט די חסרונות ביי אַנדערע פעלקער, נאָר ניט די אייגענע? וואָס אָנבאַלאַנגט שרייבער — צי האָבן ניט די גרויסע שרייבער פון אַלע ליטעראַטורן געשטראָפט זייער אייגן פאָלק? וועט עמעצער האָבן טענות צו מאָליערן, אָדער צו גאָגאָלן, אָדער צו זאָליאַ, צו מאָפּאַסאַן, אָדער צו טשעכאָוון, וואָס האָבן געשילדערט שרעקלעכע כאַראַקטערן, און דערמיט וואָס זיי האָבן אויפגעדעקט די שלעכטסקייט, די טעמפּקייט האָבן זיי דען ניט געטאָן אַ געבענטשטע אַרבעט ניט ווייניקער ווי די שרייבער וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט דאָס ליכטיקע אין זייער סביבה? די פעאיקייט ביי אַ פאָלק צו זען זיך אַליין, צו טאַדלען זיך אַליין — איז שוין ממילא אַ הויכע מדרגה וואָס איז געזונט פאַרן פאָלק. און מען דאַרף ניט ברענגען קיין ראיה פון דער עקסטרעמסטער אַהבת ישראל וואָס די חסידים האָבן אַרויסגעבראַכט. איך האָב עס פריער באַצייכנט ניט נאָר אַ ווי אַ פאָזיטיווע דערשיינונג, נאָר ווי אַ גרויסן באַציאָנאַלן אויפטו. עס איז געווען אַ נשמה־איבערקערעניש. אַהבת ישראל איז געווען דער רוח הקודש פון יענעם דור — ווען אַ פאָלק איז באַגייסטערט געוואָרן צום לעבן, צו קדושה, צו ברידערלעכער דערנענטערונג. די שעפער פון חסידות האָבן גאָר אַנדערש ניט געקענט זען דאָס אידישע פאָלק. אין פאַרגלייך מיט די רוצחים ביי די גויים זיינען אַפילו די חוטאי ישראל געווען צדיקים גמורים. חסידות האָט אויפגעפּאַסט גאולת ישראל דורך אַהבת ישראל — וואָס זיינען דורכאויס אומצעשיידבאַר. די גרויסע חסידים, ווי געזאָגט, זיינען געווען אַ פּאַראַלעלע דערשיינונג צו די בעלי־אַגדה. עס איז געווען אַ נויטווענדיקייט אַרויסצוברענגען דאָס פּאָזיטיווע ביי אידן, כדי זיי צו דערהויבן אין זייערע אייגענע אויגן און אין די אויגן פון גאָט.

קלאָר, אַז אָן קיין שום אידעאָלאָגיע און מוסר־זאָגעריי, זעט אויך איצט יעדער העברעאישער אָדער אידישער דיכטער זיין פאָלק, זיין שטעטל דורך ליבשאַפט־אויגן. אונזער גאַנצע פּאָעזיע וועגן גלות טריפט מיט ליבשאַפט. דער אידישער דיכטער פאַרמאַכט ניט די אויגן און ער זעט די גרוילן וואָס האָבן זיך אַנטפּלעקט צווישן אידן גופא אין דער צייט פון דער קאַטאַסטראָפע. וויפל אידן עס האָבן איבערגעגעבן זייערע אייגענע ברידער צו די רוצחים, וויפל עס האָבן געהאַנדלט מיטן בלוט פון זייערע ברידער, ווי איז מיר צו באַצייכענען (ווי עס האָט דערציילט צביה און איר מעג מען גלויבן) דעם שוידער ווען מענער האָבן איבערגעגעבן זייערע פרויען, זייערע אייגענע קינדער צום אומברענגען — דאָס אַלץ כדי צו ראַטעווען זייער בידנע לעבן! און פונדעסטוועגן — דער אומגליק וואָס איז גרויס, דער ווייטיק וואָס איז

גרויס, דאָס רחמנות וואָס איז גרויס — פֿאַרדעקן די חרפּה אונזערע. ווייל זיי זיינען דאָך אויך געווען קרבנות פֿון דעם שונא, וואָס האָט אויסגעריסן פֿון זיי מיט שלאַנגען־געגנג, און שטופּנווייז, דאָס מענטשלעכע געפֿיל, דעם כּוח פֿון ווידערשטאַנד — יעדע מעגלעכקייט אויף צו בלייבן אַ מענטש.

איז נאָך כּדאַי דאָס פּראָבלעם צו באַהאַנדלען? דאַרף מען זיך דינגען איבער אַהבת ישׂראל? אַהבת ישׂראל פֿאַרפּלייצט סיווי דאָס האַרץ, און אַז עס זיינען געווען ביי אונז דעגענעראַטן, געשלאָגענע פֿון זעלבסט־שׂנאה, פֿון שׂנאה צו זייער פֿאָלק, איז דאָך דאָס אַ באַזונדער פּראָבלעם, אַ פּראָבלעם פֿון אידן וואָס זיינען אָפּגעריסן געוואָרן פֿון זייער באָדן, פֿון דער קולטור, פֿון זייער פֿאָלק און פֿון האַרץ פֿון זייער פֿאָלק, אָבער עס איז נישט קיין פּראָבלעם פֿאַר אידן וואָס לעבן מיטן פֿאָלק, פֿאַר אַ שרייבער וואָס איז באַהאָפֿטן מיטן פֿאָלק. איך ווייס אַז דאָס אידישע פֿאָלק איז אַן עם סגולה און איך קען זיינע אויסגעצייכנטע מעלות, אָבער עס וואָלט שלעכט געווען ווען איך וואָלט ביט געזען אויך זיינע פֿעלערן וואָס פֿאָדערן אויסבעסערונג. עס איז דאָ מוטער־ליבע, אַ ליבע וואָס, אויס שוואַכקייט, איז זי ניט מסוגל צו זען עפּעס אַנדערש אויסער מעלות ביי אירע קינדער, און עס איז דאָ פֿאָטער־ליבע, — דער כּוח און די זעעוודיקייט צו דערבליקן דאָס שלעכטע און ווערן דערשיטערט דערפֿון. דאָס איז אַ מענערישע ליבע, וואָס דיכטער ביי יעדן פֿאָלק און אין יעדן דור באַזיצן זי. די אויפֿפּאַסונג אַז שטראָפֿן אידן הייסט ניט האָבן קיין „אַהבת ישׂראל" איז אַ קליינע השגה, סיי אין דיכטונג און סיי אין פּובליציסטיק. אַזאַ השגה איז עלול אַראָפּצודריקן די נאַציאָנאַלע ווערטן און די שעפֿערישע כּוחות צוזאַמען. ס'איז ניטאָ קיין גרעסערע סכּנה, איבערהויפּט פֿאַר קריטיק, ווי צו שלעפֿן די קליין־געוויקסיקע אַרויף דערפֿאַר וואָס זיי זיינען אָנגעשטאָפּט ביזן האַלז מיט „אַהבת ישׂראל", און פֿאַרקערט — קלענער צו מאַכן די מאָס פֿון די גרויסע דערפֿאַר, ווייל זיי רעדן כּלומרשט לשון הרע אויפֿן פֿאָלק ישׂראל. אַזאַ קריטיק איז עלול אַריינצוטראָגן אַ צעטומלעניש אין די מוחות וואָס זיינען נישט אומשטאַנד צו באַגרייפֿן די ליבשאַפֿט פֿון די הייליקע אַכזרים ווי ברענער, וואָס אין זיין „אַכזריות" איז געווען גבורה און ליבשאַפֿט אָן אַ שיעור מער ווי ביי די וואָס „זעען ניט קיין זינד ביי אידן".

## די בענקעניש צום ספר

אין אונזער צייט ווען ביכער דערשיינען אין די צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער, איז אָפּטמאָל ניטאָ קיין אַנטרינונג פֿון דעם פֿאַפּירענעם מבול וואָס דערשטיקט מיט זיין וואָג די עכטע קולטור, — טרעפֿט אַז מען שטייט אַ היפּשע ווײַלע פֿאַרן ביכער־שראַנק און מען זוכט... דעם בוך. מען זוכט נישט אַ בוך וואָס זאָל פֿאַרשאַפֿן אַ ביסל פֿאַרגעניגן, וואָס זאָל צעשטרייען אַ ביסל אין דעם שווערן וואָכעדיקן לעבן, נאָר מען זוכט דעם ספר וואָס זאָל שיצן און שירעמען, וואָס זאָל צובינדן צו זיך אויף אַ לענגערער צייט, אַ ספר וואָס זאָל אַריינאָטעמען זיין נשמה אין לעבן אַריין, און זיין ווידערקול זאָל באַגלייטן דעם מענטשן. אַזאַ ספר איז זייער אַ זעלטענע דערשיינונג אין אונזערע טעג. איצט שרייבט מען ניט קיין ספרים, נאָר מען שרייבט ביכער, ביבליאָטעקעס גאַנצע. יעדער טאָג קומט מיט אַ בוך, יעדע וואָך אַ בוך, יעדער חודש אַ בוך. עס זיינען דאָ געציילטע וואָס אַ בוך צייטיקט ביי זיי אויס איינמאָל אין יאָר. זיי זיינען שוין די באַשיידענע.



אין אונזער צייט לעבט מען ניט מיט קיין בוך, מען שרייבט אַפֿילו ניט קיין בוך, נאָר מען פּראָדוצירט ביכער, יעדן טאָג, יעדע שעה — לידער, פּאָעמעס, דראַמעס, אַרטיקלען, און אַפֿילו גאַנצע בענדער פֿון ביכער טרייסלט מען אַרויס אין פֿאַרלויף פֿון טעג, וואָכן, חדשים. אַ בוך וואָס זאָל אויסצייטיקן אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן, פֿון אַ תּקופֿה, אין פֿאַרלויף פֿון אַ גאַנץ לעבן — איז כּמעט ניט בנמצא. די וואָסריידן וועגן דער ירידה פֿון דעם קולטור־ניוואָ פֿון אונזער צייט וואָלטן געקענט די מאַסן־פּראָדוקציע פֿון ביכער ברענגען ווי אַן איבערצייגנדיקן באַווייז דערצו. אַזאַ צעברעקלטקייט פֿון גייסט, אַזאַ ירידה פֿון גייסט, ווי עס אַנטפּלעקט זיך אין דער ביכער־פּראָדוקציע איז נאָך ניט געווען אין קיין שום אַנדער צייט. עס איז אַ מין גייסטיקער תּוהו ובֿוהו, וואָס באַפֿרוכטפּערט ניט און מאַכט ניט וואַקסן קיין פּירות; בליצנדיקע געדאַנקען, וואָס אַפֿילו דער וואָס זאָגט זיי אַרויס גלויבט ניט אין זיי; פֿילאָ־זאָפֿישע שיטות און שטרעמונגען אין קונסט און אין ליטעראַטור אויף אַ שעה, אויף אַ וואָך, אויף אַ חודש. אַלץ קומט אויף מיט געפֿילדער, כּדי באַלד אַריינצופֿאַלן אין ים פֿון פֿאַרגעסנקייט. ביכער אָן אַ פֿאַרגאַנגענהייט און אָן אַ צוקונפֿט — אַזוי זיינען די מערסטע ביכער פֿון אונזער צייט.

אָט די דערשיינונג פֿאַלט באַזונדערס שווער אויף אונז, אויף אידן, וואָס דער דרך־ארץ צום ספר איז טיף פֿאַרוואָרצלט אין אונזער באַוואוסטזיין פֿון אייביק אָן. מיר קוקן אַרויף צום ספר, מיר שטרעבן צו אים און פֿאַרהייליקן אים. מיר זיינען איבערזעטיקט מיט די פֿליענדיקע פֿונקען, מיט די צעשטויבטע טראָפּנס וואָס די שאַפֿונגען פֿון דער לעצטער צייט ברענגען אונז, אָבער קיינעם באַפֿרידיקט זי ניט אויך. עס איז קיין ספק ניט אַז די יונגע ליטעראַטור איז געגאַנגען פֿאָראויס, אָבער איר גאַנצער מהות ווערט אַזויווי בטל צוליב איר שלאַבערדיקן איינשטעל, צוליב איר ווילנלאָזיקייט.

דער ספר, דער ספר מיטן ה' הידיעה, וואָס וועגן אים ריידן מיר, — מוז ניט זיין אַ בוך מיט אַ סך זייטן, נאָר רייך אין אינהאַלט, אַ ווערק וואָס האָט חיות אין זיך, אַ לעבעדיקע אַטמאָספֿער אין זיך איינגעשלאָסן, וואָס דורכן בוך אַנטפּלעקט זיך אַ גאַנצקייט, אַן אַרומנעמענדיקע גאַנצקייט, וואָס איז כּולל אַ פֿאָלקאָמקייט און איז אָפּגעשלאָסן אין זיך אַליין. אַזאַ בוך איז נישט קיין צופֿעליקע שאַפֿונג, עס איז ניט בלויז אַ זאַך פֿון טאַלאַנט, נאָר אַ געמיט וואָס איז איינמאָליק געשטאַלטיקט געוואָרן, אַ ווילן וואָס איז געקומען צום פֿולן אויסדרוק. אַזאַ ספר איז נישט קיין טייל, נאָר עס איז גאַנץ; ער פֿאַלט ניט אַראָפּ פֿון הימל, נאָר ער אַנטוויקלט זיך, וואַקסט און ווערט אויס־געצייטיקט — ער דערשיינט ווי אַ באַשאַף אויף צו באַצווינגען, אַ ריר צו טאָן אונז פֿון אָרט. די ווירקונג פֿון אַזאַ ספר וואַקסט. ער דערוועקט צוטרוי, דערוועקט צו זיך דרך־ארץ. דאָס איז נישט קיין גאַסט אויף אַ ווייל וואָס קומט אַ בלענד צו טאָן אויף אַ רגע, נאָר אויף צו לעבן מיט אונז, זיך צונויפֿ־גיסן מיט אונז.

אויף וויפֿל ביים פֿאָלק איז דאָ אַ דאָרשטיקייט צו אַזאַ ספר זעט מען פֿון דער באַציאונג צו די געציילטע ספרים וואָס זיינען ראוי אָנגערופֿן צו ווערן מיט דעם נאָמען. קוקט זיך צו וועט איר זען, אַז דאָס זיינען אַלץ ספרים פֿון דעם מין, וואָס מיר האָבן באַצייכנט פֿריער. דאָס זיינען ספרים וואָס זיינען אַ רעזולטאַט פֿון אַ לעבנס־מי, פֿון גרויסן ווילן, און אַ סך אָנשטרענגונג.

(פֿון בוך „בבית היוצר")

# סביבה

פערטל־יאָר שריפט פאַר ליטעראַטור און קריטיק

◆


כפל־כפלים אויפגאַבעס פון דער קריטיק ביי אידן......ק. מאָלאָדאָווסקי 2

קריטיקער און די טענות צו אים............................יעקב גלאַטשטיין 5

אַ הונט (ליד)........................................אהרן צייטלין 9

דער מאָלעווער זיידע (לידער).............................אפרים אויערבאַך 9

אַ פּאָר ווערטער וועגן זיך...............................יצחק באַשעווויס 12

לידער ............................................גבריאל פּרייל 21

אַ דערמאָנונג (ליד)....................................א. לעיעלעס 22

יהודה לייב גאָרדאָנס תנ"כישע און צייט־מאָטיוון...........שמחה לעוו 23

צוויי לידער..........................................רחל ה. קאָרן 31

דער קלעזמער שלום־שאַ (דערציילונג)...............קאַדיע מאָלאָדאָווסקי 32

ליד אָן אַ נאָמען.......................................ישראל עמיאָט 37

אַ שליסל צו מיין ליד....................................אפרים אויערבאַך 38

די באָבע פּינע (ליד)....................................מ. אָליצקי 42

אידיש, אידישקייט און דער אַשורישער כתב............משה שטאַרקמאַן 43

אונטער שיין פון לעגענדע.................................ק. מ. 46

עמך (דערציילונגען).....................................משה סמיליאַנסקי 48

אהובי וידידי בריוולעך .......................................... 55


◆


נומער 6

אייר, תשכ"ב — מאַי, 1962

ניו־יאָרק, נ. י.


## אַ סביבה אַרום דער „סביבה"

מען זאָגט אַז די פייגל פליען אַוועק ווינטער אין די וואַרעמע לענדער כדי צו זען אַז ביימער בליען ווינטער אויך. ויש אומרים, פשוט ווייל זיי האָבן ליב צו פליען און אָנקומען וואו עס איז דאָ זון. מענטשן מאַכן אויך אַמאָל אַזאַ עקסקורסיע און דאָס האָט זיך געטראָפן מיט אונז אַליין. אין אַ היפשלעך קאַלטן אָוונט, דעם 17־טן יאַנואַר, זיינען מיר זיך צונויפגעפלויגן אַ צוואַנציק מענטשן וואָס האָבן אינטערעס אין אידישן קינסטלערישן שאַפן אין אַ שטוב וואו עס זיינען דאָ אַ סך בילדער און אַ סך ספרים און וואו ספרים ווערן אויך געשריבן — אין שטוב פון יעקב גלאַטשטיין און אַ שמועס געטאָן וועגן אידיש, אידישן שאַפן און וועגן דער „סביבה", וואָס האָט אין משך פון ערשטן יאָר אַ וויג געטאָן די בלעטער פון אידישן ליד, דערציילונג, קריטיק, ליטעראַרישן וויכוח לשם שמים און לשם דעם אידישן בוך.

עס איז געווען אַ נישט פאָרמעלער צונויפקום, אָן אַ „פּראָגראַם" און אָן פאָרמעלע רעדעס — אַ סביבה אַרום דער „סביבה". די קליינע מסיבה האָט געוויזן אַז עס איז דאָ אין ניו־יאָרק אַ מעגלעכקייט פאַר אַ סביבה אַרום דער „סביבה". עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ באַשלוס, אַז עס זאָל זיך גרינדן אַ פאָנד פאַר דער „סביבה" פון צען מאָל צען ח"י מיט אַן עודף. פאַרן פאָרזיצער פון דעם פאָנד איז אויסגעקליבן געוואָרן לעאָן קעניגסבערג. אַ סברא, אַז די קליינע מסיבה מיטן פאָנד וועלן אונטערמויערן די „סביבה".

•

מיר דאַנקען די אַלע וואָס האָבן אַליין געדענקט צו באַנייען זייער אַבאָ־נאָמענט אויף דער „סביבה" פאַרן יאָר 1962. מיר בעטן די וואָס האָבן דאָס נאָך ניט געטאָן אַז זיי זאָלן אַזוי פריינדלעך זיין און אונז פאַרשפאָרן די אַרבעט פון שרייבן דערמאָנונגס־בריוו.

---


„סביבה" — זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק

רעד.: קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

**SEVIVA — LITERARY QUARTERLY**

Yearly Subscription: $3.00 — 75 cents a copy

*Editor*: K. MOLODOWSKY, 572 Grand Street, New York 2, N. Y.

PRINTED IN U.S.A.